BAJS JAKOW (miesięcznik)　　　　פרייז 50 גראשען.

## פאמיליען-זשורנאל

# בית יעקב

ארגאן פון דער צענטראל״ע „בנות אגודת ישראל" אין פוילען.

## מאנאטשריפט

רעדאקטאר: א. ג. פרידענזאן.

אינהאלט:

1. א בריף פון קאלישער רב שליט״א. 2. א בריף פון זלאטשעווער רב שליט״א. 3. טרויער-ליד פון אוקראאינער יתומים. 4. פון תלמודישען אוצר: שבת — א. ג. פרידענזאהן. 5. א יודישע העלדענטהאט — הרב דר. מ. לעהמאן. 6. איינרייסען . . . (בילד) — [illegible]. פיינגאלד. 7. יודישע פרויען-העלדינס (א קאפיטעל געשיכטע) — מרדכי פעכסעל. 8. דער חורבן און זיינע סבות — שיינדל מייער. 9. אין צווייערליי יודישע שולען (פון מיינע בעזוכען) — בן-רבקה. 10. פעדאגאגישער וועגווייזער: פעדאגאגיש-מעדיצינישע בעמערקונגען — דר. ק-ק. 11. ווי אזוי פערהיט מען קינדער פון פערמסר'ן זיך. 12. אנקעטע צווישען שול-קינדער. 13. פונ'ם „בית יעקב" שול-וועזען אין פוילען. 14. עקזעקוטיווע זיצונג פון „בנות אגודת ישראל". 15. פון דער „בנות"-בעוועגונג אין פוילען. 16. פון דער „בנות" בעוועגונג אין אויסלאנד. 17. וואס שרייבען די „בנות אגודת ישראל" פון דער פראווינץ. 18. פוילישער טייל:

Cel ludzkiego życia — Rabin D. Łaski — Łódź.

Czerwiec 1926.　　Nr. 3.　　לאדז, תמוז תרפ״ו.

אָרטאָדאָקסישער פאַמיליען-זשורנאַל

# בית-יעקב

אָרגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילען.

ב"ה, לאָדז תמוז תרפ"ו  № 3.  דריטער נומער (דריטער יאָהרגאַנג)

## מיינונגען און בריף פון גדולי ישראל שליט"א.

דער פיעל געאַכטעטער און אויף דער גאַנצער וועלט בעריהמטער קאַלישער רב, פּרעזידענט פון „אַגודת הרבנים" אין פוילען און מחבר פון „המדרש והמעשה" הגאון רבי יחזקאל ליפשיץ שליט"א שרייבט:

ב"ה.

לכ' עורכי הירחון „בית יעקב" שלום וברכה! שמחתי באמרם לי במכתבם הנכבד כי יש עם לבבם, לגשת אל עבודת-קודש חדשה, להדפסת ספרי למוד לתלמידות, בתי הספר לבית ישראל במדינתנו ברוח דת קדשנו ומסורת אבותינו.

כל צעד חדש על דרך הקדש הלזו לעזק את כרם חנוך הבנות שלנו, שעלה קמשונים כלו, ולנטוע בו נטע נעמנים, תחת זמורות הזר שזרעה בו הכפירה והפריצות מבית ומבחוץ — כל צעד חרש כזה ברכה בו וברוך יהי' לנו.

מובטחני שכל מ' שיראת ד' וקיומו הרוחני של אדור הצעיר נגעה עד לבו — תכון ידו עמכם לבא לעזרתכם בחומר וברוח כדי לבצע פעולתכם הרצוי' מאד.

ואמנם חיים אנחנו כעת בימים של צער לרגל המשבר האיקונמי הכללי במדינתנו ולרגל הלחץ הנורא השורר בבית ישראל ביחוד, אבל — הן ישראל קדושים הם ודוקא בעת צר לו

אין דער צענטראלע פון „בנות אגודת ישראל"

לאָדז, אַלעקסאַנדראָווסקאַ 28

קאָן מען זיך ווענדען פערזענליך יעדען טאָג פון 3—6 נאָכמיטאָג (טעלעפאָן 27-91 נאָר פון 11—12 בייטאָג).

גיט אייערע קינדער צו לייענען דעם

„קינדער גארטען"

ארטאדאקסישער מאנאַטשריפט פאַר קינדער.

דער תמוז-נומער איז שוין ערשינען מיט אַ רייכען תוכן.

פרייז 35 גראשען.

ברכת מזל טוב חמה ונלבבה לידידי היקרים והמצוינים

מר יחזקאל ראטשטיין נ"י

לאירושיו

ומר אליעזר רייך נ"י

לנשואיו

א. ג. פרידענזאי.

עס איז צו בעקומען די פאָטאָגראַפיע פון דער „בנות אגודת ישראל" קאַנפערענץ. פרייז 2 זל.

אויך זענען צו בעקומען די 2 ניי-ערשינענע ביכער „דער פירשט פון קוצי" — דר. מ. לעהמאַן. פרייז 2 זל.

„קאַנטאָניסטען" — ש. ראָטשטיין. פרייז 2 זל. 50 גר.

געלד פריהעראויס.

מזל טוב!

אַ האַרציגען מזל טוב ווינשען מיר אונזער ליבע חבר'טע

פרל. נעמה מרים אַלטער

צו איהר פערלאָבונג מיט

ה' יודא ליב אייזנער פון ווארשאָוו

לאָדז — בנות אגודת ישראל.

אויך איך ווינש גאַנץ בעזונדער דאָס זעלבע

מינדל באָראָווסקאָ.

וכשאין ידו – הלא חש עתידות למו בנוגע לקדשיו הרוחנים ומקריב את קרבנותיו בחרף נפש. — ,

יהי נעם ד' עליכם ומעשי ידיכם כונן כברכת המצפה לפקודת ישועה לעם ד' אלה.

קאל ש, עש"ק ח' שבט. **יחזקאל ליפשיץ חופ"ק קאליש.**

**א בעריהמטער** גאון פון זלאָטשעוו (קליין פוילען) הרב הגאון ר' ישראל סג"ל הלוי לאַנדוי שליט"א, האָט איבערשיקט זיינע מיינונגען צו אונז דורכ'ן סעקרעטאַר פון דאָרטיגען ראַבינאַט דער בעקאַנטער אָרטאָדאָקסישער עסקן און סופר ר' בנימין זוסמאַן, די פאָלגענדע שורות.

„די בעוועגונג פון „בית יעקב" איז אַ ליכטיגער מאָרגען-שטערן אויפ'ן הימעל פונ'ם אָרטאָדאָקסישען יוד. און אַ ערשטקלאַסיגע נויטווענדיגקייט אין אונזער דור. און ס'איז אַ הייליגער חוב אויף יעדען תורה טרייען יוד בייהילפיג צו זיין, מיט דער גאַנ-צער מעגליכקייט צו דעם הייליגען גראַנדיעזען בנין".

„אַ גרויסען פערדינסט ביי דער דאָזיגער הייליגער אַרבייט האָט דער „בית יעקב"-זשורנאַל, וועלכער שטעהט אויף דער וואַך צו וועקען און צו פעראינטערעסירען דעם יודישען עולם פאַר לעזונג פון חנוך הבנות ברוח תורתנו הקדושה".

„ס'איז שטאַרק געווינשען, אַז דער „בית יעקב"-זשורנאַל זאָל זיך געפינען אין יעדען יודישען הויז און אַז ער זאָל בקרוב פערוואַנדעלט ווערען צו אַ וואָכען-זשורנאַל".

„ס'וואָלט אויך זעהר וויכטיג געווען אַז דער פוילישער טייל פונ'ם זשורנאַל (לײדער איז צוליב דער קאַלטער בעציהונג פון דער אָרטאָדאָקסישער געזעלשאַפט פאָרלויפיג כמעט מעהר נישטאָ דער פוילישער טייל – יאָ, ווען די „בית יעקב" קאָמי-טעטען לפחות, וואָלטען ערפילט זייער חוב און גענומען צו 20 עקזעמפלאַרען יעדען חודש וואָלט דער פוילישער טייל צוריק געקענט געגעבען ווערען – רעד.) זאָל פערמעהרט ווערען הן אין כמות הן אין איכות, אין אַזאַ מאָס, אַז אינזערע טעכטער, זאָלען נישט דאַרפען אָנקומען אין פרעמדע פעלדער און זיי זאָלען בעשיצט ווערען געגען דער השפעה פון דער מאָדערנער פרייער ליטעראַטור".

„איך וויל האָפען אַז דאָס אָרטאָדאָקסישע יודענטום, וועט וויסען אָפצושאַצען די וויכטיגע בעדייטונג פון דער „בית יעקב" בעוועגונג און פונ'ם „בית יעקב"-זשורנאַל און איך ווינש די



ביידע ערפאָלג. ויהי רצון שתשרה שכינה במפעלכם. צום חשוב'ן רעדאַקטאָר פונ'ם זשורנאַל רוף איך: „יישר כחך וחליך, התאזר התאמץ לשכלל ולשפר את הבנון הנהדר אשר החילות לבנות והמקום יהי' בעזרך".

בהוקרה רבה
ישראל סג"ל לאנדא
חופ"ק זלאָטשיב.

בפקודת ובשם רבינו הרב הגאון מרן רבי ישראל לאנדוי שליט"א
בנימין זיסמאן מזכיר בי-דינא-רבא
בזלוציב

.............

# טרויער-ליעד
# פון אוקראאינער יתומים.

צוליב דער ערמאָרדונג פון פעטלורא אין פאַריז דורך ש-ום שוואַרצבאַרד זענען ווידער אויפגעפרישט געוואָרען די פאָגראָם-זכרונות אין אוקראאינע. מיר גיבען דאָ איבער אַ טרויער-ליעד, וואָס איז אַ לענגערע צייט געזונגען געוואָרען דורך יו-דיש-אוקראאינישע היימלאָזע און יתומים אין דנעסטער-קאַנטען.

פערוואָלקענט דער הימעל, קיין שטראַהל זעהט מען נישט
עס פליסט נור ווי טייכען און רעגענס, מיט בלוט,
עס רוישען די בוימער, עס פלאַקערט און ברענט,
קרבנות אהן אַ שיעור, פון מערדערישע הענד...

---

אָה, הימעל און ערד, וויינט איהר מיט אונז מיט
אויף די ביטערע שמערצען, וואָס ליידט זיך דער יוד!
מען קוילעט די קינדער אָהן אַ סוף און אָהן אַ עק,
נישטאָ שוין קיין אָרט זיך צו שיצען פון שרעק.

---

אוי וועה, ווי אַזוי, פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי,
וואו איז, טאַטע, דיין רחמנות, ראה ד'!
פון דעם הימעל גיב אַ בליק, אויף די אוקראַאינער אַ קוק,
פערלעש שוין דאָס פייער און לאָז שוין זיין גענוג!

---

וכשאין ידו – הלא חש עתידות למו בנוגע לקדשיו הרוחנים ומקריב את קרבנותיו בחרף נפש. — ;

יהי נעם ד׳ עליכם ומעשי ידיכם כונן כברכת המצפה לפקודת ישועה לעם ד׳ אלה.

קאַל ש, עש״ק ח׳ שבט. **יחזקאל ליפשיץ חופ״ק קאליש.**

**אַ בעריהמטער** גאון פון זלאָטשעוו (קליין פוילען) הרב הגאון ר׳ ישראל סג״ל הלוי לאַנדוי שליט״א, האָט איבערשיקט זיינע מיינונגען צו אונז דורכ׳ן סעקרעטאַר פון דאָרטיגען ראַבינאַט דער בעקאַנטער אָרטאָדאָקסישער עסקן און סופר ר׳ בנימין זוסמאַן, די פאָלגענדע שו״ות.

„די בעוועגונג פון „בית יעקב" איז אַ ליכטיגער מאָרגען-שטערן אויפ׳ן הימעל פונ׳ם אָרטאָדאָקסישען יוד. און אַ ערשטקלאַסיגע נויטווענדיגקייט אין אונזער דור. און ס׳איז אַ הייליגער חוב אויף יעדען תורה טרייען יוד בייהילפיג צו זיין, מיט דער גאַנ-צער מעגליכקייט צו דעם הייליגען גראַנדיעזען בנין".

„אַ גרויסען פערדינסט ביי דער דאָזיגער הייליגער אַרבייט האָט דער „בית יעקב"-זשורנאַל, וועלכער שטעהט אויף דער וואַך צו וועקען און צו פעראינטערעסירען דעם יודישען עולם פאַר לעזונג פון חנוך הבנות ברוח תורתנו הקדושה",

„ס׳איז שטאַרק געווינשען, אַז דער „בית יעקב"-זשורנאַל זאָל זיך געפינען אין יעדען יודישען הויז און אַז ער זאָל בקרוב פערוואַנדעלט ווערען צו אַ וואָכען-זשורנאַל".

„ס׳וואָלט אויך זעהר וויכטיג געווען אַז דער פוילישער טייל פונ׳ם זשורנאַל (ליידער איז צוליב דער קאַלטער בעציהונג פון דער אָרטאָדאָקסישער געזעלשאַפט פאָרלויפיג כמעט מעהר נישטאָ דער פוילישער טייל – יאָ, ווען די „בית יעקב" קאָמי-טעטען לפחות, וואָלטען ערפילט זייער חוב און גענומען צו 20 עקזעמפלאַרען יעדען חודש וואָלט דער פוילישער טייל צוריק געקענט געגעבען ווערען – רעד.) זאָל פערמעהרט ווערען הן אין כמות הן אין איכות, אין אַזאַ מאָס, אַז אינזערע טעכטער, זאָלען נישט דאַרפען אָנקומען אין פרעמדע פעלדער און זיי זאָלען בעשיצט ווערען געגען דער השפעה פון דער מאָדערנער פרייער ליטעראַטור".

„איך וויל האָפען אַז דאָס אָרטאָדאָקסישע יודענטום, וועט וויסען אָפצושאַצען די וויכטיגע בעדייטונג פון דער „בית יעקב" בעוועגונג און פונ׳ם „בית יעקב"-זשורנאַל און איך ווינש די



ביידע ערפאָלג. ויהי רצון שתשרה שכינה במפעלכם. צום חשוב׳ן רעדאַקטאָר פונ׳ם זשורנאַל רוף איך: „יישר כחך וחליך, התאזר התאמץ לשכלל ולשפר את הבנין הנהדר אשר החילות לבנות והמקום יהי׳ בעזרך".

בהוקרה רבה
ישראל סג״ל לאנדא
חופ״ק זלאָטשיב

בפקודת ובשם רבינו הרב הגאון מרן רבי ישראל לאנדוי שליט״א
בנימין זיסמאן מזכיר בי-דינא-רבא
בזלוציב

............

# טרויער-ליעד
# פון אוקראאינער יתומים.

צוליב דער ערמאָרדונג פון פעטלורא אין פאַריז דורך ש״ום שוואַרצבאַרד זענען ווידער אויפגעפרישט געוואָרען די פאָגראָם-זכרנות אין אוקראאינע. מיר גיבען דאָ איבער אַ טרויער-ליעד, וואָס איז אַ לענגערע צייט געזונגען געוואָרען דורך יו-דיש-אוקראאינישע הײמלאָזע און יתומים אין דנעסטער-קאַנטען.

פ ערוואָלקענט דער הימעל, קיין שטראַהל זעהט מען נישט
עס פליסט נור ווי טייכען און רעגענס, מיט בלוט,
עס רוישען די בוימער, עס פלאַקערט און ברענט,
קרבנות אָהן אַ שיעור, פון מערדערישע הענד . . .

---

אָה, הימעל און ערד, וויינט איהר מיט אונז מיט
אויף די ביטערע שמערצען, וואָס ליידט זיך דער יוד!
מען קוילעט די קינדער אָהן אַ סוף און אָהן אַ עק,
נישטאָ שוין קיין אָרט זיך צו שיצען פון שרעק.

---

אוי וועה, ווי אַזוי, פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי,
וואו איז, טאַטע, דיין רחמנות, ראה ד׳!
פון דעם הימעל גיב אַ בליק, אויף די אוקראַאינער אַ קוק,
פערלעש שוין דאָס פייער און לאָז שוין זיין גענוג!

·קליינינקע קינדער פון זײרע מוטערס ברוסט,
מען שעכט זיי ווי רינדער, מען וואַרפט זיי אין מיסט,
זײרע הייליגע שוועסטערלעך בעפלעקט מען מיט שאַנד,
זיי ראַנגלען זיך שרעקליך ביים מערדער אין האַנד . . ,

אַלטיטשקע יודען מיט זײרע גרויע בערד,
מיט פנים'ער ווייסע, ליגען זיי צו דער ערד.
און וויינען און שרייען און גיסען מיט בלוט
נור פון נאָהנט און פון ווייט ענטפערט קיינער זיי נישט.

זיי שרייען אַריבער צו יענער זייט טייך!
רחמנות האָט, ברידער, און נעהמט אונז צו אייך,
מיר וועלען זיין צופרידען מיט אַ שטיקעלע ברויט
אַבי נישט צו זעהן פון די מערדער, דעם טויט.

אין וועלדער, אין פעלדער אין היי און אין שטרוי,
בעהאַלט זיך דער יוד דאָרט מיט שרעק פאַר'ן גוי,
ווי אַ בוידעם, אַ קעלער, אַ פינסטערער אָרט,
ליגט דער אוקראַאינער און שעפטשעט אַ יודיש וואָרט . . .

אוי וועה, ווי אַזוי פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי,
וואו איז, טאַטע, דיין רחמנות, ראה ד'?
פון דעם הימעל גיב אַ בליק, אויף די אוקראַאינער אַ קיק,
פערלעש שוין דאָס פייער און לאַז שוין זיין גענוג! . . .

דיינע הייליגע ספרים, וואָס זענען אונז טייער,
באָדען זיך ווי מיר, אין בלוט און אין פייער.
מיר האָבען זיי געהאַלטען, אַז טייער, אי זיס.
איצט ליגען זיי צוטראָטען פון מערדערישע פיס . . .

דיינע הייליגע בתי-מדרשים, זיי האָבען נישט קיין ווערט,
מען מאַכט פון זיי שטאַלען, מען האַלט דאָרט די פערד.
פערשוועכט ווערט די תורה אין שוהל פון ג–ט
פון ווילדע אכזרים און טייפלישען שפאָט . . .

מיר לאָזען אַלץ איבער, מיר אַנטלויפען אַ הער,
און דאָ איז פאַר אונז אי ביטער אי שווער!
מיר לאָזען אַלץ איבער, מיר אַנטלויפען פאַר נויט,
און דאָ ווערען מיר בעטלערס פאַר'ן שטיקעל ברויט . . .



אוי וועה, ווי אַזוי פאַרוואָס שווייגסטו דעם גוי,
ווי איז, טאַטע דיין רחמנות, ראה ד'?
פון דעם הימעל גיב אַ בליק, אויף די אוקראַאינער אַ קוק,
פערלעש שוין דאָס פייער און לאָז שוין זיין גענוג! . . .

## עקזעקוטיווע זיצונג פון „בנות אגודת ישראל" אין פוילען.

מאָנטאָג ב' תמוז איז אין לאָדז (אין לאָקאַל פון דער צענטראַלע אַלעקסאַנדראָוסקאַ 28) פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע „בנות אַגודת ישראל" אין פוילען, מיט'ן אַנטייל פון די מיטגלידער'ינס אויף דער פראָווינץ צוו. אַנד. פרל. שרה מאָנדראָ — מלאַוואָ און פרל. אכתר גינציג — קראָקאָ. אויף דער דאָזיגער זיצונג זענען בעהאַנדעלט געוואָרען אַ רייהע פראַגען וואָס שטעהען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ווייטערדיגער אַרבייט פון צענטראַלען סעקרעטאַריאַט. אין רעזולטאַט זענען אָנגענומען געוואָרען וויכטיגע בעשלוסען לטובת דער פערשטאַרקונג פון דער בעוועגונג.

## די פייערליכע ערעפנונג פון אַ אייגענעם לאָקאַל.

די אָרטס-גרופּע פון „בנות אַגודת ישראל" אין לאָדז האָט אַ דאַנק דער פערדינסטפולער אַרבייט פון איהר פאָרזיצענדערין פרוי זעמבאַ און פרל. קאָזלאָווסקאַ ענדליך זיך ערוואָרבען אַ אייגענעם שעהנעם לאָקאַל (זאַכאָדניאַ 66).

מאָנטאָג ב' תמוז 7 אָווענד איז פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפנונג ביי אַ גרויסע צאָהל מיטגלידערינס. די פערזאַמלונג עפענט פאָרזיץ. פרוי זעמבאַ וועלכע האַלט דאַביי אַ אינהאַלטסרייכע רעדע איבער דער בעדייטונג פון דער פייערונג. דאַן האַלט פרל. מאָנדראַ — מלאַוואָ און פרל. גינציג — קראָקאָ בעגייסטערטע און איינדרוקפאָלע רעדעס איבער די גרויסע פאָרטשריט וואָס עס מאַכט די בעוועגונג פון „בנות אַגודת ישראל" אין גאַנץ פוילען און דריקט אויס איהר האָפנונג אַז לאָדז וועט ווי ביז איצט אַלץ מעהר זיך דערהויבען און אויסצייכענען מיט טעטיגקייט צו זיין אַ מוסטער פאַר אַלע שטעדט.

פרל. קאָזלאָווסקאַ האַלט אַ התלהבות'דיגע רעדע און וועקט מיט שעהנע און גייסטרייכע ווערטער די פערזאַמלונג צו מעשים.

אונטער שטורמישע אָוואַציעס ווערט די פערזאַמלונג געשלאָסען דורך פרוי זעמבאַ.

דער לאָקאַל פון דער צענטראַלע איז ווייטער אַלעקסאַנדראָווסקאַ 28

# פון תלמודישען אוצר.

בעאַרבייט דורך א. גפן.

## שבת.

רב תחליפא דער ברודער פון רב נאי חוזאי האָט געלערענט: באַלד פון אָנהויב יאָהר ר"ה און י"כ איז בעשטימט פון ג-ט וויפיעל יעדער מענש זאָל פערדינען אויף פרנסה, דאָס גאַנצע יאָהר, מ'דאַרף זיך דעריבער היטען, נישט צו לעבען פערשווענדעריש און נאָר אויסגעבען אויף דעם, וואָס איז דאָס נויטיגסטע. וואָרים קוים וועט דער מענש פערנוצען צופיעל גלייך די ערשטע חדשים פון יאָהר, קאָן איהם שפעטער פעהלען אויף ברויט און ער וועט נישט האָבען פון וואַנען צו נעמען.

דאַגעגען אָבער דאַרף מען נישט קאַרגען אין געלד-אויסגאַבען אויף צו לערנען מיט די קינדער תורה און אויך אויף אָנצוגרייטען שעהנע שבתים און ימים-טובים, ווייל דערויף איז נישט בעשטימט פון פריהער. פערברויכט מען וועניגער – בעקומט מען וועניגער, פערברויכט מען מעהר – בעקומט מען מעהר.

* * *

אין שבת דאַרף מען געדענקען אַ גאַנצע וואָך.

* * *

רבי אליעזר זאָגט: באַלד אינ'ם ערשטען טאָג פון דער וואָך, געדענק אָן שבת, אויב עס טרעפט זיך דיר אַ שעהנע און גוטע זאַך צו קויפען, קויף און בעהאַלט עס אויף שבת.

* * *

רבי חייא דער זוהן פון ר' אבא דערצעהלט: איך בין אַמאָהל געוועזען צו גאַסט ביי אַ בעל-הבית אין דער שטאָדט לודקיא האָב איך געזעהען ווי מ'האָט געברענגט אַ גאָלדענעם טיש וועלכען עס האָבען געטראָגען זעכצעהן מענשען, (אַזוי גרויס און שווער איז דער טיש געווען) ביי די עקען פונ'ם טיש האָבען געהאָנגען זעכצעהן זילבערנע קייטען, אויפ'ן טיש זענען געשטאַנען פיעל גאָלדענע כלים, שיסלען, בעכער און פלעשער; אין די כלים האָבען זיך געפונען די טייערסטע מאכלים, די שענסטע פרוכטען און די שמעקענדיגסטע בשמים, ווען מ'האָט דעם טיש אַ נידערגעשטעלט האָבען אַלע אָנוועזענדע אויסגערופען – לד' הארץ ומלואה! – צו ג-ט געהער די וועלט



און אַלץ וואָס פילט זי אָן. נאָכדעם ווי מ'האָט דעם טיש אַוועקגענומען האָבען אַלע אויסגערופען – השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם! – – די הימלען געהערען צו ג-ט און די ערד האט ג-ט געגעבען די מענשען. האָב איך איהם (דעם בעל-הבית) – זאָגט ר' חייא – געפרעגט צוליב וואָס האָסטו זוכה געווען צו אַזאַ רייכטום, האָט ער מיר געענטפערט – כ'בין אַמאָל געווען אַ איינפאַכער קצב און האָב מיך געפיהרט, אַז יעדע גוטע בהמה וואָס מ'האָט מיר געברענגט, האָב איך זי בעהאַלטען אויף שבת איך האָב איהם דאַן געזאָגט – דערצעהלט ר' חייא – גליקליך ביזטו וואָס האָסט פערשטאַנען מכבד צו זיין דעם הייליגען שבת און געלויבט איז ג-ט וואָס האָט דיר בעצאָהלט פאַר דיינע שענע טהאַטען!

* * *

ווער עס בעמיהט זיך אָנצוגרייטען פרייטאָג אויף שבת האָט אום שבת וואָס צו עסען, דער וואָס טהוט נישט אָנגרייטען פרייטאָג, פון וואַנען זאָל ער האָבען שבת וואָס צו עסען?

* * *

אונזערע הייליגע חכמים זאָגען: אויב איהר וועט היטען אָנצוצינדען די שבת-ליכט וועט איהר זוכה זיין צו זעהען ווי עס וועט אויפשיינען דאָס ליכט פון ציון און ירושלים.

* * *

באַלד ווען די פרוי צינדט אָן די ליכט, לכבוד שבת, דאַרף זי תפלה טהון דאָס אין זכות פון די שבת'דיגע ליכט, זאָלען איהרע קינדער בעליכטען די וועלט מיט דעם ליכט פון דער הייליגער תורה.

* * *

ווען בלק האָט פערלאַנגט דאָס בלעם זאָל שעלטען די יודען האָט בלעם צו איהם געזאָגט: ווי אַזוי קען איך די יודען שעלטען, זיי געהען דאָך אָנגעטהון שבת'דיגע מלבושים!

* * *

די קליידער וואָס דו טראָגסט אין דער וואָכען, זאָלסטו נישט טראָגען אין שבת, אויף שבת זאָלסטו האָבען אַנדערע מלבושים, ווייל אויך דאָמיט וועסטו כבוד אָבגעבען דעם הייליגען שבת.

* * *

רבי חנינא פלעגט פרייטאָג פאַרנאַכט זיך איינהילען אין שיינע מלבושים און זאָגען צו זיינע תלמודים: לאָמיר געהען אַקעגען דעם ליבען גאַסט — די קעניגין שבת.

* * *

רבי יוסי דער זוהן פון ר׳ יהודה זאָגט: צוויי הימלישע מלאָכים בעגלייטען יעדען יוד פרייטאָג צו-נאַכטס פון דער שול צו זיין הויז איין מלאך - אַ גוטער, דער צווייטער — אַ שלעכטער, אויב זיי טרעפען די שבת ליכט ברענען דער טיש איז געגרייט אין די שטוב איז שיין אויפגערוימט, זאָגט דער גוטער מלאך: עס זאָל זיין דער ווילען פון ג-ט דאָס אויך דעם קומענדיגען שבת זאָל אַזוי זיין, דער שלעכטער מלאך זאָגט נישט ווילענדיג דערויף אמן. ווייבאַלד אָבער — די שטוב זעהט נישט אזוי אויס — זאָגט דער שלעכטער מלאך אַז אויך דעם קומענדיגען שבת זאָל אַזוי אויסזעהען, אויף וואָס דער גוטער מלאך איז ווידער געצווינגען צו ענטפערען אָמן.

* * *

רב הונא זאָגט: דער יוד וואָס איז אָפּגעהיטען צו מאַכען קידוש אויף וויין וועט זוכה זיין צו האָבען פיעל קעלערס מיט וויין.

* * *

רב אדא דער זוהן פון אהבה זאָגט: לויט דער תורה זענען פרויען מחויב צו הערען קידוש.

* * *

רבי יוסי זאָגט: ג-ט זאָל העלפען איך זאָל האָבען אַ חלק אויף יענער וועלט צוזאַמען מיט די וואָס עסען דריי סעודות אין שבת.

* * *

דער קייזער אַנטונינוס איז אַ מאָל צו גאַסט ביי רבינו הקדוש (ר׳ יהודה הנשיא) דעם קייזער ווערען דאַן דערלאַנגט קאַלטע שפייזען. אַנטונינוס עסט די קאַלטע מאכלים, זיי שמעקען איהם און ר׳האָט פון זיי אַ גרויסע הנאה. אַ צווייט מאָל לאַדענט איין רבינו הקדוש אַנטונינוס׳ן צו אַ סעודה אין דער וואָכען. אויף דער סעודה גיט מען שוין וואַרימע מאכלים וואונדערט זיך דער קייזער אַנטונינוס און זאָגט: די שבת׳דיגע מאכלים האָבען מיר פיעל בעסער געשמעקט חאָטש זיי זענען קאַלט געווען ווי די יעצטיגע וואָס זענען וואַרים.

— וואָס איז די אורזאַך דערפון? — ענטפערט איהם ר׳ יהודה הנשיא: אין די יעצטיגע מאכלים פעהלט אַ געווירץ, דאַרף דען פאַר דעם קייזער עפּיס פעהלען - רופט אויס אַנטונינוס - דאָס געווירץ הייסט אָבער שבת — זאָגט רבי — האָסטו דען דעם שבת!...

* * *

ג-ט האָט געזאָגט צום פאָלק ישראל: אויב איהר וועט היטען שבת וועט עס זיין גלייך ווי איהר וואָלט מקיים געווען אַלע מצות פון דער תורה.

* * *

רב חייא דער זוהן פון אַבאָ זאָגט: די יודען וועלען נישט אויסגעלייזט ווערען נאָר אין זכות פון דעם הייליגען שבת.



רבי יוחנ׳ן זאָגט אין נאָמען פון רבי שמעון בן יוחאי: ווען דאָס יודישע פאָלק זאָל היטען צוויי שבתים ווי עס דאַרף זיין, וועלען זיי באַלד אויסגעלייזט ווערען. (פון גלות).

* * *

רבי לוי זאָגט: ווען יודען זאָלען היטען אַפילו איין שבת, ווי די תורה האָט געבאָטען וועט באַלד משיח קומען.

* * *

ג-ט האָט געזאָגט צו משה רבינו: אַ טייערע מתנה האָב איך אין מיינע אוצרות בעהאַלטען, די מתנה הייסט שבת כ׳וויל זי שענקען די יודען געה משה און טהו זיי דאָס מודיע זיין.

* * *

די הייליגקייט פון ג-ט די הייליגקייט פון שבת און די הייליגקייט פון יודישען פאָלק - אַלע דריי האָבען דעם זעלבען ווערט.

אונזערע חכמים דערצעהלען: ביי אַ פרומען יוד איז אַ מאָהל אין זיין פעלד צובראָכען געוואָרען דער צוים האָט ער אין שבת זיך נעטראַכט, נאָך שבת דעם פלאָט צו פעררריכטען אין דערמיטען האט ער זיך דערמאָנט אַז עס איז שבת און האָט אויף זיך גענומען מעהר דעם פלאָט נישט צורעכטצומאַכען (ווייל אין שבת טאָר מען אַפילו נישט טראַכטען פון אַ וואָכענדיגע אַרבייט) — ג-ט האָט געטהון אַ נס, אויף דעם זעלבען אָרט איז אויסגעוואַקסען אַ בוים „צלף“ (אַ בוים וואָס האָט אַ סך צווייגען און גיט פיעל פרוכטען) דער דאָזיגער בוים האָט דעם פרומען יוד געשפייזט און זיין גאַנץ הויזגעזינד.

* * *

ג-ט זאָגט צו די יודען: אויב איהר וועט חלילה פערשוועכען דעם שבת וועט עס זיין פאַר מיר גלייך ווי איהר וואָלט פערשוועכט אַלע מצות פון דער הייליגער תורה.

* * *

אַביי זאָגט: די שטאָדט ירושלים איז חרוב נאָר דערפאַר וואָס מ׳האָט אין איהר מחלל שבת געווען.

* * *

עס איז פערהאַנדען אַ באַרג וואָס גיט פון זיין ערד אַרויס זילבער אָבער שבת געפינט מען אין זיין ערד נישט קיין זילבער.

* * *

פערהאַן אַ פויגעל וואָס לעבט אייביג, דערפאַר וואָס דער פויגעל עסט נאָר אין מוצאי שבת:

הרב ד״ר מ. לעהמאן.

# א יודישער העלדענטאט.

פראַגמענט פון דער ניי־ערשינענער ערצעהלונג „דער פירשט פון קוצי״ — פערלאַג מסורה־לאדז.

אין אַ געוויסען טאָג האָט דער עמיר געלאָזט שיקען נאָך זיין העברעאישען שקלאַף.

— שמשון — האָט ער צו איהם געזאָגט — איך האָב דיך ליב בעקומען אין דער קורצער צייט, וואָס דו ביזט אין מיין דינסט.

גנעדיגסטער הער — האָט רבי שמשון געענטפערט — דו ביזט צו־גוט געגען דיין קנעכט! נאָכדעם ווי גאָט האָט בעשערט אַז איך זאָל לעבען צווישען די שקלאַפען, ווייט פון מיין משפחה, קאָן איך איחם נישט גענוג לויבען און דאַנקען פאַר זיין חסד, וואָס ער האָט מיר געגעבען אַזאַ גוטען הער, ווי דו ביזט.

— פאַר וואָס זאָל איך דען דיך נישט גוט בעהאַנדלען? דו דינסט דאָך מיך פלייסיג און געטריי, איך האָב אָבער בדעה פאַר דיר עטוואָס נאָך בעסערס. אויב דו וועסט טהון מיין ווילען, וועל איך דיר צוריק געבען די פרייהייט.

— אָט דאָס מיינסטו צו טהון! — האָט דערפרעהט אויסגערופען רבי שמשון — דו ווילסט מיך פריי מאַכען און לאָזען אומקעהרען צוריק צו מיין ווייב און קינדער?

— און ווען דו וועסט זיך אומקעהרען צוריק אַהיים אין פראַנקען לאַנד, וואָס וועט דען דאָרט זיין, דיין שיקזאַל?

— איך וועל לעבען צוזאַמען מיט די, וואָס זענען מיר ליב און טייער און ווייטער קאָנען לערנען תורה אומגעשטערט.

— וועסטו אַזוי־אַרום בלייבען אַן אָרימאַן ווי פריהער, און וועסט מוזען לעבען פון די נדבות, וואָס דיין ברודער גיט דיר.

— מעהר פערלאַנג איך נישט, גנעדיגער הער! הער נאָר, וואָס אונזערע חכמים לערנען אונז: „אָט דאָס איז דער וועג פון דער תורה: ברויט מיט זאַלץ זאלסטו עסען, וואַסער זאָלסטו טרינקען מיט אַ מאָס, אויף דער ערד זאָלסטו שלאָפען, אַ לעבען פון צער זאָלסטו פיהרען און מאַטערן זיך צו פערשטעהן די תורה, אויב דו וועסט אַזוי טהון, איז דיר וואויל״.



— איך זעה, אַז די עולם־הזה־תאוות האָבען פאַר דיר קיין חן נישט. און פונדעסטוועגען האָף איך, אַז דו וועסט מיין פאָרשלאַג אָננעמען.

— זאָל דער הער רעדען, זיין קנעכט הערט!

— זעה, שמשון! פאַטימע, מיין איינציגע טאָכטער, איז מיר די ליבסטע פון אַלע מיינע קינדער. איהר מוטער, וועלכע איז געוועזן ביי מיר די ליבסטע פון אַלע מיינע פרויען, איז מיר יונג געשטאָרבען און אָט דאָס מעדעל איז דער איינציגער זכר, וואָס איז מיר נעבליבען פון איהר. מעגליך, אַז איך האָב דאָס דאָזיגע קינד געליבט הייסער, ווי עס איז נוצליך געוועזן. קיין איינציגען וואונש איהרען האָב איך נישט אָפּגעזאָגט. — נעכטען איז צו מיר געקומען אַ רייכער און אָנגעזעהענער עמיר און האָט מיר פאָרגעלעגט צו ווערען מיין איידעם. און אָט האָט פאַטימע זיך מודה געווען פאַר מיר אין טרעהרען, אַז זי ליבט דיך, שמשון, און אַז זי וויל ווערען דיין ווייב. אמת, ס׳איז מיר שווער צו בעפרידיגען איהר דאָזיגען וואונש און מאַכען פון אַ בעפרייטען קנעכט פאַר מיין איידעם. איך שאַץ אָבער אָב, ווי געהעריג, דיין הויכען גייסט און דיין איידעל האַרץ. איך בעפריי דיך פון קנעכטשאַפט — נעם־אָן דעם מחמד׳אַנישען גלויבען און דאַן וועל איך דיך פאָרשטעלען פאַר׳ן סולטאַן סאַלאַדין, וועלכער ווייסט ווי אַזוי צו שעצען הויכע מענשען. אין אַ קורצער צייט אַרום וועסטו זיין איינער פון די גאָהנסטע שרים און פאַטימע וועט זיין דיין ווייב.

— גנעדיגסטער הער! דיינע רייד ערפילען מיך מיט׳ן טיפסטען צער — האָט רבי שמשון געזאָגט. — דו ביזט פול גוטסקייט פאַר מיר און ווען איך זאָל זיך אָבזאָגען פון דיינע פאָרשלאַגען, מוז איך דיר ערשיינען, אַלס אַן׳אונדאַנקבאַרער מענש, זעה, איך וואָלט דיך געקאָנט אָבנאַרען: כ׳וואָלט אָנגענומען די פאָרגעלעגטע פרייהייט, כ׳וואָלט געקאָנט ווירקליך קומען אין קעניגליכען הויף און דאָרט שוין בעקומען אַ מיטעל אַ היים צו קומען. איך בין אָבער זעהר ווייט דערפון. כ׳וויל דיך נישט אָפּנאַרען, נאָר איך ערקלער דיר אָפען, אַז איך וועל קיינמאָל נישט מסכים זיין אָבצוזאָגען זיך פון דער אמונה פון מיינע עלטערן. דו ווייסט דאָך, אז דער מלך פון בבל האָט אַמאָל געוואָלט צווינגען חנניה, מישאל און עזריה׳ן אָבצוזאָגען זיך פון יודישען גאָט און אָט האָבען זיי זיך געלאָזט בעסער אין פייער אַריינוואַרפען, איידער צו ווערען חלילה אונגעטריי דעם אויבערשטען. אויך איך בין גרייט צו שטאַרבען, אויב דו וועסט מיך פער׳משפט׳ן צום טויט; פון מיין אמונה וועל איך זיך אָבער קיינמאָל נישט אָבזאָגען!

— צי איז דען אַבער דיין גאָט נישט אויך אונזערער? צי האָבען מיר דען נישט אַלע גלייך איין פאָטער און צי האָט דען אונז אַלעמען גלייך נישט בעשאַפען איין גאָט?

– געוויס – האָט רבי שמשון געזאָגט, ס׳איז אָבער אַ גרויסער אונטערשיד, ווי – אַזוי מיר און איהר בעטען גאָט, און אונזער תּורה איז דאָך פאַר אונז הייליג !

– דו, קנעכט, טרלויבסטו זיך דען אַרויסצוטרעטען געגען מיין ווילען !

— האָט דער עמיר אויסגעשריגען אין שרעקליכער אויפרעגונג – איך בעפעהל דיר תּיכּף אָנצונעהמען דעם מחמד׳אַנישען גלויבען ! איך בין דיין הער איבער לעבען און טויט. איך קאָן דיך צוטרעטען, ווי מען צוטרעט אַ וואָרים.

– דו קאָנסט מיך טויטען, גנעדיגער הער, אָבער דו קאָנסט מיך נישט צווינגען צום שמד.

– טאָ וועל איך דיך טויטען, דו הונד !

און דער עמיר האָט דערביי מיט אַ פייערדיגען צאָרן אַרויסגעצויגען זיין שווערד פון שייד און געוואָרפען זיך אויפ׳ן רוהיג שטעהענדיגען רבי שמשון. אינ׳ם זעלבען אויגענבליק האָט זיך אָבער געעפענט די פאָרהאַנג, וואָס האָט אָבגעזונדערט דעם עמיר׳ס צימער פון אַ צווייטער שטוב, און פאַטימע איז אַרויסגעשפרונגען צו איהר פאָטער.

– טאַטע, – האָט זי אויסגערופען, – טאַטע, טהו איהם קיין שלעכטס.

ווי נאָר דער עמיר האָט דערהערט זיין טאָכטער׳ס שטימע, איז ער געבליבען שטעהן שטיל, ווי געלעהמט. זיין שווערד, וואָס האָט שוין געהאַט בעריהרט רבי שמשונ׳ס ברוסט, האָט זיך פלוצלונג אַראָבגעלאָזען, נאָר מיט׳ן קולאַק האָט ער אָנגעהויבען דראָהען רבי שמשונ׳ען.

– דו, יוד, — האָט ער געשריגען מיט אַ דערשטיקטער שטימע פון כעס — דו דערוואַגסט זיך צו געהן געגען מיין ווילען !

— מיין טייערער, גוטער, גנעדיגער הער ! – האָט רבי שמשון געענטפערט רוהיג — צו וואָלסטו דען מיך אַליין נישט פעראַכטעט ווען איך וואָלט צוליב געלד און צוליב אַ פרוי אָבגעלייקענט מיין אמונה ?

— געה ! — האָט דער עמיר אויסגערופען.

ווען רבי שמשון איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער, האָט דער עמיר געזאָגט צו זיין פערציטערטע טאָכטער :

– דו ביזט געוועזן אין זייטיגען צימער און האָסט געהערט אונזער געשפרעך ?

– יאָ, טאַטע.

– דו ווייסט אַלזאָ, וואָס דער יוד האָט מיר געענטפערט און ווי ער האָט זיך דערוואויגען צו שטעלען אַ ווידערשטאַנד מיין בעפעהל ?

— איך האָב געהערט, טאַטע.

— פאַטימע, פאַטימע, וואָס האָסטו פון מיר געמאַכט ! פון דיינעטוועגען האָב איך זיך ערנידעריגט אַזוי, ווי קיין פאָטער האָט עס נאָך נישט געטהון.



איך האָב פאַרגעלעגט מיין שקלאַף פרייהייט, רייכקייט, עהרע, אַ הויכע שטעלע און מיין אייגענע טאָכטער – און ער האָט אַלץ אָפּגעוואָרפען, זעה, ס׳זענען פאַרהאַן פיל איידעלע יונגע-לייט, וועלכע וואָלטען זיך געשעצט גליקליך צו ווערען דיין מאַן און מתחתן זיין זיך מיט מיר, און דער יוד האָט אַזאַ זאַך אָפּגעוואָרפען ! נאַריש קינד, פאַרוואָס האָסטו אַזוי שלעכט אויסגעקליבען זיך דעם, מיט וועלכען דו וואָלסט געוואָלט לעבען ? זיי פערשטענדיג און זאָג זיך אָב פונ׳ם געדאַנק וועגען דעם עלענדען הונד פון פעראַכטעטען יודישען פאָלק !

פאַטימע האָט אָנגעהויבען וויינען.

– טאַטע, – האָט זי געזאָגט – איך ליב איהם מעהר ווי מיין לעבען ! זעה, ווי איידעל, ווי פיין-פיהלענד, ווי פרום און גאָט׳ס-פאָרכטיג ער איז ! ער אַכטעט נישט קיין עשירות. קיין הויכע שטעלע און קיין פרייהייט אַפילו, אַבי נאָר צו בלייבען געטריי זיינע איבערצייגונגען, פאַר וועלכע ער איז גרייט זיך מוסר-נפש צו זיין.

– און דו ביסט אויף איהם גאָר נישט בייז, פאַר וואָס ער זאָגט זיך אָב פון דיר ? צי שעצסטו זיך דען אַזוי גרינג, אַז דו האַלסט איהם נאָך פאַר גערעכט, ווען ער זאָגט זיך אָב פון דיר, ווען ער האַלט נישט פאַר זיך פאַר קיין כּבוד מתחתן צו זיין זיך מיט מיר, מיט׳ן עמיר סעיד ?

– אָה, טאַטע, דו דאַרפסט נישט מעסטען שמשונ׳ען מיט אַזאַ מאָסשטאַב, מיט וועלכען מען מעסט אַנדערע מענשען ! פאַר זיין ערהאַבענעם גייסט, פאַר זיין איידעל האַרץ, איז גאַנץ קליין און נישטיג דאָס, וואָס פאַר אַנדערע לייט ערשיינט הויך און וויכטיג. אָה, הלואי וואָלט דער אויבערשטער עפּעס געפונען אַנ׳אויסוועג, אַז איך זאָל קאָנען ווערען זיין פרוי און זיין געוויסען זאָל דערביי נישט דאַרפען זיך פערגעוואַלטיגען.

– נאַריש קינד ! צי ווילסטו דען, אַז איך זאָל דיך חתונה מאַכען מיט אַ יודען ? ביים באָרד פון מחמד . . .

– שווער נישט, טאַטע, שווער נישט !

– און ווען אַפילו איך וועל נישט שווערען, וועט דאָך דאָס אויך קיינמאָל נישט פאָרקומען ! וואָס וואָלט דען געזאָגט דער סולטאַן, וואָס וואָלטען דען געזאָגט אַלע מיינע פריינד און בעקאַנטע, ווען איך וואָלט מיין טאָכטער אָבגעגעבען אַ יודען פאַר אַ ווייב ? אָה, איך בעט דיך פאַטימע, זאָג זיך אָב דערפון ! זיי ווייטער מיין שטאָלץ קינד, ווי דו ביזט עס געוועזן ביז-יעצט, און פעראַכט און האַס דעם, וועמען עס וויל דיך נישט קענען.

– האַסען איהם, פעראַכטען ? ניין, דאָס קאָן איך נישט.

– טאָ זיי לפּחות שטאַרק געגנוג און רייס-אויס פון הארצען דעם געדאַנק וועגען דעם דאָזיגען ווידערשפעניגען שקלאַף. פאַטימע, מיין קינד, טאָכטער

פון מיין געליבטער פרוי, צי האָסטו דען שוין גאָר פערגעסען אָן דיין פאָטער צוליב אָט דעם יודען? פון דיין פריה־עסטער קינדהייט אָן, האָב איך דיר קיינמאָל גאָרנישט אָבגעזאָגט היינט איז דאָס ערשטע מאָל, ווי איך בעט ביי דיר עטוואָס. זאָג דו מיר נישט אָב! זיי שטאַרק מיין טאָכטער׳ל, פערטרייב דעם געדאַנק וועגען דעם יודען פון דיין האַרצען.

– איך וועל עס פּרובירען, טאַטע.

– שטים־איין אויפ׳ן שידוך מיט׳ן עמיר איבּראהים, וועלכעס האָט נעכטען געשיקט צו מיר שדכנים.

– דאָס קאָן איך נישט, ליבער פאָטער, איך בעט דיך, לאָז מיר צייט.

עמיר סעיד האָט דעם זעלבען טאָג פערשיקט זיין שקלאַף שמשון אויף אַ ווייטען אָרט אין זיינע בערג אַרבייטען און האָט בעפוילען דעם אויפזעהער צו בעגעהן זיך מיט איהם שטרענג. רבי שמשון האָט איבערגעטראָגען זיין שיקזאַל מיט געדולד. קיין איינציגע מינוט איז איהם גאָר אויפ׳ן זינען נישט אַרויף הרטה צו האָבען דערויף, וואָס ער האָט נישט איינגעשטימט אויף עמיר סעיד׳ס פאָרשלאַגען. דער אויפזעהער איבער איהם איז געווען אַ האַרטער מענש, וועלכער האָט געהאַט פערגעניגען צו פייניגען די שקלאַפען, וואָס זענען געשטאַנען אונטער איהם. מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלען, ווי פיל רבי שמשון האָט געהאַט אויסצושטעהן פון איהם, נאָכדעם ווי זיין הער, דער עמיר אַליין, האָט איהם בעפוילען צו בעגעהן זיך שטרענג מיט רבי שמשון׳ן! גאַנץ אָפט פלעגט די בייטש פון גרויזאַמען אויפזעהער פאַלען אויפ׳ן רוקען פון אומגליקליכען ר׳ שמשון, אַזש בלוט פלעגט רינען פון זיין לייב. דער פרומער יוד אָבער האָט זיך נישט געקלאָגט און נישט געשריגען; אַפילו די פאַנטאַזיע זיינע האָט איהם נישט געמאָלט די גליקען, וואָס ער וואָלט געקאָנט האָבען מיט דער טאָכטער פונ׳ם עמיר, וואָס אַזוי פיל גרויסע לייט האָבען זיך גע׳שדכנ׳ט צו איהר. נישט קיין עשירות, נישט קיין כבוד, נישט קיין הויכע שטעלע האָבען איהם נישט ענטציקט, אויך די גרויסע יסורים וואָס זענען איבער איהם געקומען, האָט ער איבערגעטראָגען געדולדיג, ווי אַ געהעריגע שטראָף פון גאָט. ווען זיין וועהטאָג פלעגט שוין גאָר אונמענשליך זיין, פון די קלעפּ פונ׳ם גרויזאַמען אויפזעהער, פלעגט ער נאָר זאָגען:

– „געלויבט זאָל זיין דער נאָמען פונ׳ם אויבערשטען!“

יודישע טעכטער!
פעראייניגט אייך אונטער דער פאָהן פון תורה און יודישקייט!



לייב פיינגאלד.

# איינגערייסען...
(בילד)

פאַרנאַכט –

אין בית־המדרש, ביי די אַלטע געל־פערוויינטע ספרים־בלעטער, זיצען יעצט צעהנדליגער קעפּ, וואָס מאַטערן און נישטערן דאָרט; ס׳הילכען אינ׳ם אויר תורה־טענער.

ס׳זיצען פעראייניגט נאַהנטע און ווייטע – אָפּגעריסענע פון דער אַרומיגער וועלט; זיי דרעהען זיך, אַרויף אַראָפּ, אַראָפּ, נידערשלאָגען און געבראָכען, זיי ווילען מיט גרויס צער דערכאַפּען אַ שטיקעל תפיסה – אָבער פערגעסען, פערהולען, פערלאָזען... — — — — — — — — — — —

---

בגנבה, הייבט זיך אָן פערציהען די שוואַרצע נאַכט, זי פערשיט אין זייערע קלאַטקעס די לעצטע שטראַהלען פון בין־השמשות. בלויז אין זייטיגע עקען זענען נאָך סמנים פערבליבען פון דער אויסגעברענטער זון, פון טאָג און פאַרנאַכט, אָבער אויך זיי צאַנקען... צאַנקען.. ווי אַ אויסגייענדיקע נשמה — — —

דער אַלטער שמש איז מתקן די לאָמפּ — ר׳צינדט זי אָן. פערשידענע שטראַהלן וואַרפט די גאר־זק־ה׳דיגע לאָמפּ. געמישטע שמחות און חשכות, בעציהען זיך די פנימ׳ער; דאָס צראינערט זיי פערשידענאַרטיגעס: גליק און אומגליק, פון זיך, זיידעס, באָבעס, טאַטעס, מאַמעס א. אַז. וו.... — — — — —

— מעריב!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מענגעס מענשען־פאַסען – ווי אַ לאַמטערן־קייט אויף וואַרשאָווער גאַסען — הייבען זיך אָן ביים בית־המדרש געצטיל ציהען. דאָס געהן זיי, ווער שוין אַ היים, ווער נאָך צום מסחרי׳שען הו־האַ.

בלויז יונגע כוחות, פערבלייבען ווייטער, דאָ ביי זייער גייסטיג לעבען; דאָ פערבלייבט בלויז דער עתיד פון ישראל. זיי טיילען זיך אין גרופּען: טייל — מתמידים, — זיצען שוין, טאַקי באַלד צוריק צום חיות, ס׳ספר! טייל שטעלען זיך אַוועק ביי די פענסטער אָטהעמען, די דרויסיגע לופט, צו

רייניגען זיירע פערשטאָפּטע גוף-קאַנאַלען, זיי זינגען דאַביי אונטער: „מה טובו אוהליך יעקב"... מיט גרויס התלהבוה; טייל ווידער, זעצען זיך ביי-זאַמען אַוועק, דערציילען מעשיות וועגען רבי'ס—חסידים. —אַרום און אַרום רוהט אַ הערליכער חן, עפּיס רודערט זיך אַ וועלט, ס'ווערט אין טיפענישען מעשים געאַרבייט... אָבער אַלעס אין צאַרטע שטילקייט.

---

אויף דער שוועל בעווייזען זיך פלוצלינג צוויי פרויען-געשטאַלטען, זיירע האָר קודאַוואַטע, האַלב אויסגעפליקט, פון אונטער זיירע אויגען, וואָס זענען טיף אין צובייליטען קערפּער געלעגען האָט אַ שווערער יאוש אַפּויער-געקוקט, אויפ'ן פּנים האָבען זיך שוואַרצע ריס-פּאַסען געצויגען, דאָס האָבען די טרעהרען סמנים איבערגעלאָזט ביים אַזוי לאַנג האַרטצוועען זיך...

— יאָ, יאָ, דאָס זענען: די אלמנה... מיט איהר שוועסטער — וואָס איז צו-הילף דעם דלות געקומען.

זיי האָבען אויסגעפּאַקט אַ פּעקעל ליכט, עס פערוואָרפען אין „ששה נרות" און האַסטיק צו צום ארון-קודש, אַרונטערגעריסען די שלעסער, אויפ-געעפענט די טהירען און אויסגעמוטשעטע, אייסגעמאַטערטע כחות, האָבען זיך די בקשות פאַר'ן כסא-הכבוד געגאָסען... דאָ האָט זיך מאַטעכיעס פון אַ מאַמע איבער איהר קינד געגאָסען, זוכענדיג כאָטש אַ שטיקעלע פייערל פון האָפנונג, אַז די געשמידטע מיתה-קייטען זאָלען אָפּלאָזען די נשמה פון איהר קינד, וואָס בית-דין של מעלה האָט נישט קיין רשות צו שטראָפען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די צוויי פרויען, וואָס מאַכען ווי שאָטענס אַ איינדרוק, הייבען אָהן מיט פּחד'יגע טריט דעם ארון פערלאָזען — עפּיס האָבען זיי דאָ שלעסער געריסען. — און ווענדען זיך צו די בחורים מיט געשטיקטען לשון: ב-ע-ט א-י-ה-ר... מיין מאַן עליו השלום האָט געזאָגט: דער עולם-הזה ליגט ביי אייך, איהר האָט די דעה! בעט-זשע פאַר מיין ליב קינד, ר'האַלט אין איין קרענקען און זיין נשמה, זיין גוף איז דאָך קייגען רבונו של עולם אַזוי לויטער-ריין, בעט פאַר איהם... זיין נאָמען: אברהם בן שרה! —

די טרויריגע אַלמנה איז שוין צו נעהנטער צו דער טהיר, אָבער דאָ האָט זי זיך אַ צווייט מאָל אומגעקעהרט און געזאָגט: „פאַר א עת צרה איז דאָ דריי מיטלען: תשובה, תפלה, צדקה, יאָ, איך האָב עפּעס געטהון, ענדיגט איהר... כ'שענק צו אייער די „פאָזיציע מיין קינד'ס מלבושים — דאָס איז מיין גאַנץ פערמעגען"!

די טהיר האָט זיך האַסטיג פערמאַכט.

---

אין בית-מדרש איז אַ מרה-שחורה פערבליבען. שטיל, גאָר שטיל, נאָר



מינוטענווייז רייסען איבער די שטילקייט, רחמנות-טרעהרען, וואָס פאַלען פון אַ טייל, עפּעס שטעהען אלע אין געקלאַמערטען חלש, צוגעקאָוועט צום באָדען... דאָך ווערט איינער דרייסט, חאַפּט אַ תהלים'ל און צו צום עמוד און... און... תפלה!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף דער גאַס צינדען זיך אָן די לאַמטערנעס — וועלכע זענען ביז יעצט קאַלט געוועזן — זיי שיינען אַ מאַטע ליכטיגקייט אין די פערטונקעלטע הערצער — פון די מתפללים בעד חברם... געענדיגט! אַ שמייכעל בע-ווייזט זיך ביי אייניגע, דאָס איז דער סמן פון אַ געשטאַרקטען בטחון אין השם יתברך וועט העלפען.

---

איינער איז שנעל אַוועק, געוואויער ווערען, וואָס ס'הערט זיך. די רעשטע האָבען אָנגעהויבען איבערגעבען דאָב לעבען פון דער אלמנה, באמת אַזוי ווי יוב, בלייבט זי אַלץ טריי דאָס אמת יודישע לעבען. —

אוי, אַ רחמנות, אָבער קען מען זיך אונטערשטעלען פרעגען אַ קשיא חלילה אויף כביכול'ס מעשים?...

נאָר נאָך אין אַ זייט, איז איינער געשטאַנען, אַלץ כסדר טרעהרען און שוועָר כליפען נישט אויפגעהערט. דאָס האָט איהם זיין געוויסען יעצט נישט געלאָזט רוהען, וואָס בעת ענדע, ווען איהם האָט זיך געדאַכט אַז ר'הערט שוואַרצע בקשה-טענער - פאַרוואָס האָט ער געשוויגען! הלמאי, האָט איהם דער אומעט און קאַשמאַר געביסען און ער האָט דעמאָלס באַלד נישט געטהון מקיים צו זיין אַ יודיש נפש...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

הייזעריג האָט זיך צובייזערט דער זייגער, מיט חצות-קלאַנגען; גלייך איז אַריין דער שליח און אויסגערופען: „נעלויבט דער אַייבערשטער בעסער"!

---

אַ גאַנצע נאַכט האָבען זיירע מיילער געשעפּטשעט אַ תפלה צו ג-ט: אויב נישט זי, ווער? — — —

---

— באמת איז זי ווערט געוועזן — ג-ט האָט געהאָלפען!

---

גרינדעט אין יעדער שטאדט א אָרטס-גרופּע

**„בנות-אגודת-ישראל"!**

# דער חורבן און זיינע סבות.

פון שיינדל מייער.

און געשעהען איז אַזוי ווי די נביאים, ירמי' ישעי' האָבען נביאות-געזאָגט אין ג-ט'ס נאָמען: ירושלים וועט חרוב ווערען. די יודען וועלען אין גלות געהען און די יודישע הערליכקייט וועט פערשווינדען.

אַ שווער שליחות, אָט אַזאַ נביאה איבערצוגעבען, געקעמפט, געשלאָגען זיך אויף אַלע זייטען דעם חזיון מבטל צו מאַכען, געלאָפען אויף קברים, אַראָבגעבראַכט, משה, אַברהם, יצחק, יעקב, אָנגעווענדעט אלע יודישע סגולות. עס האָט נישט געהאָלפען. רחל האָט פערלעגט די הענד, האָט מורא'דיג געוויינט ווי אַ מוטער אויך נישט דאָס האָט געקענט צוריק רופען די ביטערע גזרה. דער יודישער ניעדערגאַנג איז געווען אַ בעשלאָסענע זאַך און דער חורבן איז געקומען . . .

שרעקליך, גאָר שרעקליך איז צו ליינען די געשיכטע פון יענער צייט, גרויזאַם, אַכזריות'דיג האָט מען זיך מיט אונז אָבגערעכענט. פון דעם כלל ישראל איז געבליבען אַ פערשווינדענדער טייל און דאָס ערשט נאָך דעם אויסשטעהן פערשידענע משונה'דיגע מערטירעריי, נאָכדעם ווי אלע אינסטרומענטען פון מאָרדען האָט אויף זיי קיין ווירקונג געהאַט, אַ דאַנק דעם איז דאָס רעשטעל פערבליבען. ס'קוקט אויך דאָס אויס וואונדערליך ווי דער מקונן אַליין קלאָגט: „ולא הי' ביום אף ד' פליט ושריד" (איכה ג' כ"ב).

פאַר-וואָס זענען די יודען פעראורטיילט געוואָרען צו אַזאַ אומדערבאַרימדיגען חורבן? ס'האָט זיך געטראָפען פעלקער זענען אַראָב פון זייער גרויסקייט, פון זייער ממשלה; אָבער גענצליך פונ'ם באָדען, פון זייער מוטער-ליבע ערד פערטריבען צו ווערען און אויף אַזאַ אויפ'ן ווי אונזערע עלטערן דאָס האָט ערשט קיין גלייכען, וואָס איז געווען די סבה? מיר ווייסען פון די געשיכטע, אַז די היסטאָריע האָט ליעב פערגעלטונג, מדה כנגד מדה, אַז ס'ווערט אַ אומרעכט בעגאַנגען געגען אַ פאָלק האָט דאָס פאָלק דאָס אומרעכט פערדיענט, אַזוי אַז מען מ'ברויך עס נישט פאַר אומרעכט אָנצונעמען נאָר פאַר אַ צדק. וועלכעס האָבען די יודען פערנאַכלעסיגט וואָס פאַר אַ טהאַטען זענען זיי בעגאַנגען וואָס מ'האָט זיך אין זיי אַזוי גערעכט? כדי דאָס צו בעלויכטען מוזען מיר זיך בעקענען מיט'ן מהות פונם,



יודישקייט און זייער מיסיע ווירדיג צו שעצען און דאַן וועט דאָס אורטייל פאַר זיך אַליין רעדען:

די אמונה אין דעם איינציגען ג-ט און די פערשפרייטונג פון דער אידעע ווי אברהמ'ן איז נאָך בעפוילען געוואָרען: למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד' לעשות צדקה ומשפט (בראשית י"ח י"ט) — השי"ת האָט געזאָגט כ'האָב איהם ליעב מחמת ר'האָט אויף זיך גענומען צו מאַכען בעקאַנט די נאָכקומענדע דורות צו געהן אין ג-ט'ס וועג זיי זאָלען טוען גערעכטיגקייט און גוטס. דאָ זאָגט זיך די תורה אַ ביסעל ברייטער אַרויס איבער דעם תוכן פון דער אמונה. השי"ת דער פערלאַנגט, מ'זאָל זיך מדביק זיין אין זיינע מדות מען זאָל געהן אין זיינע דרכים וועלכע זענען צדקה ומשפט, דאָס איז געווען די יודישע מיסיע צו דעם האָט זיי בעדאַרפט דאָס גלויבען אין דעם איינאונאיינציגען ג-ט צו פיהרען. אַז מ'גלויבט אַז ס'איז דאָ אַ מסובב לכל הסבות אַז נישט אַ האָר ריהרט זיך פונ'ם אָרט אַליין, אַלעס איז בהשגחה, גיט מען זיך אָפּ פאַר יעדע מעשה וואָס מ'געהט אויסאיבען, דין וחשבון צי איז די פעולה נישט ווידריג צום דרך ד' און צו פאַסט זי זיך צו, צו די מדות פון השי"ת. מיט דער ג-טליכקייט האָבען יודען געברויכט צו זיין אַ מוסטער פאַר די וועלט, די פאָהנען-טרעגער פון דעם גאַנצען ערד-קוגעל צו דעם איז דאָס יודישע פאָלק אויסגעוועהלט געוואָרען צו לערנען דער וועלט מוסר ומדות, צדק און משפט.

ווי איז אָבער אַז די יודען האָבען זייער התחייבות, נישט געהאַלטען, זיי האָבען זיך פערגרייזט צו גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער ווי דער נביא זאָגט: „כסדום היינו לעמורה דמינו" (ישעי' א' י') מ'קען זיך שוין פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ רעכטסגעפיהל דאָרט האָט געקענט האָבען אַ ממשלה, אַז סדום און עמורה זענען געווען די פאָרבילדער. און דער נביא פערהוילט טאַקי ערשט, ער רעכענט אויס: „קנייֿ נאמנה, מלאתי משפט, צדק ילין בה ועתה — מרצחים. כספך הי' לסיגים, סבאך מהול במים, שריה סוררים וחברי גנבים כלו, אהב שחד ורודף שלמנים, יתום לא ישפטו וריב אלמנה לא יבוא אליהם" (ישעי' א' כ"א כ"ב כ"ג), אויספיהרליכער איבער די געוואַלדטאַטען און די שוואַנקונגען אין מוסר איז צו זעהען אין מדרש איכה. האַראַקטעריסטיש איז אַז די גרויסע שטאָדט ביתר וועלכע איז בזמן הבית אויך נישט געשטאַנען אויף איהר ווירדיגער יודישער הויך, האָט געגען איבער ירושלים פערנומען אַ שעהנערן פלאַץ, זי האָט זיך דעריבער אויך צוויי און פינפציג יאָהר לענגער געהאַלטען נאָכ'ן חורבן. און ווי אונטערגראָבען איז געווען דער מוסר פון ירושלים דער מיטעלפונקט פונ'ם יודענטום. דאָס אָרט

וואָס אַלע אויגען האָבּען זיך דאַצו געווענדעט, אַז דאָס יודישע ביתר, דאָס ביתר וואָס איז שפּעטער זעלבּסט חרוב געוואָרען האָט אילומינירט צום חורבּן פון ירושלים און איהרע הייליגקייטען דורך איהר – ירושלים׳ס – נידריגקייט אויסגעלאַסענהייט א. א. וו. זעה מדרש איכה רבּתי ב׳ פּסוק בּלע ד׳ ולא חמל. דער וואַהן פון גרויסקייט האָט זיי אַזוי מיאוס אַרום גענומען דאָס זיי האָבּען אויף זיך אַליין געשטיצט און האָבּען זיך אויסגעדריקט „לא תסעוד ולא תסכיף“ ד״ה העלף ערשט און מאַך נישט קאַליע, געלייקענט און די השגחה הייסט דאָס.

די יודען נישט ערפילענדיג זייער שליחות, נישט זיך צייגען אַלס מוסטער פון דער הויכער מאָראַל האָבּען פערלוירען דאָס רעכט צו פיגורירען אַלס זעלבּסטשטענדיגע מלוכה אויף דער וועלט אַרענע, זייער מיסיע האָט זיך נישט איינגעגעבּען ווי די ערשטע כונה דורכדעם איז דער חורבּן געקומען. אַז יודען האָבּען נישט געפלעגט דעם „כי מציון תצא תורה“ זענען זיי געגאַנגען אין גלות.

:::::::::::::::::

# יודישע פרויען־העלדינס
## (אַ קאַפּיטעל געשיכטע).

### דבורה הנביאה – יעל.

(המשך).

ביים קליינעם טייכעל קישון האָבּען זיך די געגנערישע לאַגערן פאָרבּערייט צום קאַמף, פון איין זייט, אונטער דער אָנפיהרונג פון׳ם גרויסען קריגס־העלד סיסרא, אַ געוואַלטיגע אַרמעע, מיט כלי־ערליי קריגס־מכשירים, וואָס וואָלטען, דאַכט זיך, מיט בּלויז אַ ריהר אַלעם פאַרניכטעט, ס׳זאָל קיין שריד ופליט נישט בּלייבּען. — דאַגעגען פון דער צווייטער זייט אויפ׳ן בּארג תבור, קוים צעהן טויזענד אומבּאַוואָפענטע יודען, נאָר פונדעסטוועגען דריקט זיין האַרץ נישט טון פּחד, שפּאַנענד וואַרטען זיי, פיהלען אַז עפּיס גרויסעס מוז גישעהן, ווייל אַ פרוי וועלכע פלעכט גראָבּע קנויטען פאַר דער מנורה אין משכן, – פיהרט איהר פאָלק אין קאַמף!...

— דער שונא ווייסט נישט פון׳ם יודישען געהיימען כלי־זין!
„וחובל עול מפני שמן“ (ישעיה).



ס׳ווערט פאַרדאָרבּען דער יאָך פון׳ם שונא – דורכ׳ן בּוימאייל וועלכער לייכט אין די בּתי מדרשים ווי מען לערנט תורה! — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

רוהיג און זיכער לאָזט זיך אַראָבּ פון׳ם בּאַרג, די קליינע מחנה יודען, געגען דעם מעכטיגען שונא, – וועלכער ווערט פּלוצים צוטומעלט, און נעמט אַנטלויפען.

ווייל נישט קיין בּעוואָפענטע גבּורים האָט דער שונא בּיי די יודען דערזעהן, נאָר אַ פרוי, וועלכע האָט איהר פאָלק מיט אמונה און בּטחון בּעוואָפענט! — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינזאַם, מיט אַ ציטערדיג האַרץ, זיצט בּיי זיך אין צימער, די פריהערדיגע פאָרשטעהערין פון די יודען — יעל. און אַ מורא׳דיגער געדאַנק סטראַשעט איהר, ווייל היינט דאַרף ענטשידען ווערען, ווער וועמען זאָל בּעהערשען...

א יעדער רגע קוקט זי אין פענסטער, אפשר ווערט מעגליך זיין געוואָהר ווערען, וואָס טהוט זיך דאָרט בּיים שלאַכט פעלד? — — —

אַהאַ, עפּיס לויפט עמיצער צופיס גלייך אַהער.

זי ציטערט אינגאַנצען – ווער ווייסט וואָסער בּשורה? ווי ערשטוינט איז זי געבּליבּען, ווען זי האָט דערקענט דעם קריגס־העלד ס י ס ר א! זי האָט שוין פערשטאַנען...

גאָר פריינדליך האָט זי איהם אין שטוב אַריינגעלאָזען, מיט מילך אָנגעטרינקען, – און הינטער אַ דעק בּעהאַלטען.

ווען זי האָט איהם פערזיכערט, דאָס קיינער וועט נישט וויסען פון זיין אויסבּעהאַלטען זיך – איז ער רוהיג איינגעשלאָפען.

גאַנץ אַנדערש האָט אָבּער יעל געמיינט, זי האָט געוואוסט, אַז טאָמער וועט דער גרויזאַמער שונא פון איהר שטוב אַוועק, וועט ער איהר פאָלק ווייטער צוּבּרעכען, – האָט זי טאַקי דעריבּער געזאָרגט אַז דאָס פייגעלע זאָל מעהר פון דער שטייג נישט אַרויס.

בּאַלד האָט אַ האַמער מיט אַ נאָגיל זיין שאַרבּען געלעכערט.

און ווען יעל האָט איבּערגעגעבּען בּרק׳ן דעם בּעהאַלטענעם סיסרא׳ן, איז ער שוין געליגען אַ טויטער. — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און ווען דבורה און בּרק האָבּען מיט פרייד, פאַר׳ן נצחון, אַ דאַנק־ליעבּ צו ג־ט געזונגען, האָבּען זיי אויך אָבּגעטיילט אַ בּרכה פאַר דער מוטיגער פרוי יעל, וועלכע האָבּען אויסגעדריקט מיט די ווערטער. —

„תבורך מנשים יעל, אשת חבר הקיני–מנשים בּאוהל תבורך“ (שופטים ה׳)

מרדכי פּעססעל.

.............

# אין צווייערליי יודישע שולען.

## (איינדריקען פון מיינע בעזוכען).

אויפ'ן וועג פון מיינע נסיעות אין שטעט און שטעטלעך, אין גאַליציען און אין פוילען, איז מיר אויסגעקומען צו פערברענגען עטליכע טעג אין איינע פון די גרויסע שטעט אין פוילען. באַלד ביי מיין אָנקומען אין שטאָט אַריין מיט'ן טראַמוויי, האָט מיך צופעליג בעגעגענט איינער פון מיינע יוגענד-פריינד וועלכער איז דאַרטען אַ לייטער פון אַ „תרבות"-שולע און ער האָט מיך באַלד איינגעלאַדען צו זיך אין זיין פריוואַט וואוינונג, וואו איך האָב זיך אויפגעהאַלטען אין משך פון מיין זיין דאָרטען.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט מיך מיין פריינד איינגעלאַדען צו בעזוכען די שולע אין וועלכער ר'איז אָנגעשטעלט. אַריינקומענדיג אינוועניג און שולע-לאָקאַל, האָב איך געטראָפען אַ ערך פון אונגעפעהר 30 שילער און שילערינס; אַ מיש-מאַש פון פערשידענאַרטיגע קינדער, עלטערע און יונגערע. יונגלעך און מיידלעך, דערונטער אויך אַזעלכע וואָס מ'קען אַראָפּלעזען פון זייערע געזיכטער אַז זיי זענען קינדער פון חסידישע פאַמיליעס. דער לעהרער אַ גלויח זקן און מיט לאַנגע צובארשטע טשאפריני דרעהט זיך אַרום אין צימער בגלוי הראש; די שילער זיצען אָהן אָרדנונג און בלויו-קעפּיג. זער לעהרער פרעגט אַ שילערין: – „מה עושה הכלב"? די שילערין ענטפערט: – „הכלב נובח".

דער לעהרער פערטראַכט זיך אַ ווייל און פרעגט ווידער: „איך נובח הכלב?"

שילערין: „הכלב נובח הב, הב, הב". דערנאָך ווענדעט ער זיך צו אַ שילער מיט אַ פראַגע: „מה עושה החתול?"-שילער: „החתול מילל מיאו, מיאו, מיאו".

דער לעהרער ענדיגט די לעקציע און מיין בעגלייטער פון דער שולע שטעלט מיך פאַר איהם פאָר מיט דער בעמערקונג אַז איך בין אַ מבין אין דער „מבטא הספרדי" און אַז איך בין נעביך אַ אַגודה'ניק. יענער שטעלט אויף מיר אָן אַ פּאָר אויגען און ווענדעט זיך צו אַ שילער אַז ער זאָל פאַר מיר דערציילען וועגען „חוני המעגל". נאָכ'ן דערציילען האָב איך איבערגעפרעגט דעם שילער: פאַר וואָס מ'האָט גערופען דעם געלעהרטען חוני מיט'ן



נאָמען „המעגל"? דער שילער ענטפערט: „זה לא כתוב בספר והמורה לא באר לנו".

דער לעהרער נישט וויסענדיג אַליין, נעביך, די בעדייטונג פונ'ם וואָרט האָט זיך צו מיר אָנגערופען מיט אַ זויערער מינע: „אין לנו עסק בנסתרות, דאָ אין שולע ווערט נישט ערקלערט נאך די סודות פון דער קבלה".

אָבער נישט וועלענדיג מאַכען מיט יענעם לעהרער קיין לאַנגע טענות, האָב איך אָבגעהאַקט פון די נסתרות, און איך האָב איהם נאָר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף א דבר הנגלה ונראה לעינים, אַז בשעת ער האָט צו מיר גערעדט האָט זיך אָ גאָר היבשע שילערין אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק און אַרויסגעקוועטשט פון צווישען די צייהן אַ „קאָטאַ" אויפ'ן הויכען קול און אַ צווייטע שילערין פון אַ אַנדערער שורה האָט איינטערגעפּאָנפעט „יאַנקעל", אזוי ווי אַ ערשטקלאַסיגער האַלערטשיק, אין דער צייט ווען ס'געפינען זיך אין קלאַס דער לעהרער, דער לייטער פון דער שולע און אַ פרעמדער מענש. און ביי מיר אין האַרצען האָב איך געטראַכט: אלה מוריך ישראל! דאָס זענען דיינע תלמודים, אחד-העם, וועלכע וועלען האַלטען דיין „על פרשת דרכים" אויף דער פערקצהרטער זייט און וועלען זאָגען: „הדרך זו לא", מיר האָבען נישט קיין עסק מיט קיין חקירות, אונזער דרך איז דער דרך פונ'ם חתול און פונ'ם כלב, מיר זענען די אייניקלעך פון די „מענאַשקעס" און מיר האָבען נישט קיין חלק אין רוחניות.

* * *

אויפ'ן דריטען טאָג האָב איך זיך געסטאַרעט צו מאַכען אַ בעזוך אין זייער דאָרטיגער „בית-יעקב"-שולע. תיכף ביי מיין אַריינקומען, אין דער בעגלייטונג פון אַ פערוואַלטונגס-מיטגליד, האָבען זיך אַלע שילערינס אין דער בעסטער אָרדנונג אויפגעהויבען פון זייערע פלעצער און אונז מקבל געווען מיט אַ פיינעם „ברוכים הבאים". די לעהרערין נאָכדעם ווי מיין בעגלייטער האָט מיך פאָרגעשטעלט, האָט ווייטער פאָרטגעזעצט איהר אַרבייט און ערקלערט די שילערינס „מגלת-אסתר". נאָכ'ן ענדיגען פון דער לעקציע האָט א יונגע שילערין אַרויסגעשטעלט אַ פינגער צום צייכען אַז זי וויל עפּיס פרעגען. און אָט הערט אַ קינדישע פראַגע! — פאַר וואָס האָט אסתר איינגעוויליגט חתונה צו האָבען מיט אַ נישט-יוד? און ווען די לעהרערין האָט ערקלערט אַז ס'איז געווען באונס און אַז אין אַזאַ פאַל האָט זי נישט געהאַט קיין ברירה, האָט די זעלבע שילערין איבערגעפרעגט: טאָ, האָט זי דאָך געקענט זיך מוסר נפש זיין אויף קדוש השם און זיך לאָזען הרג'ענען? די לעהרערין האָט

ווייטער ערקלערט אַז ס'איז אַזוי געווען דער ווילען פונ'ם בעשעפער אַז אסתר זאָל ווערען די פרוי פונ'ם קעניג און זי זאָל קענען העלפען די יודען פון דער געפּלאַנטער עצה פון המן הרשע, ערשט דעמאָלט האָט זיך דיזעלבע שילערין, רוהיג און צופרידען צוריק אַוועקגעזעצט אויף איהר אָרט.

אויפ'ן פערלאַנג פון דער לעהרערין אַז איך זאָל פּרובען די שילערינס, האָב איך יעדער שילערין געשטעלט אַ פראַגע, און כמעט אַלע שילערינס האָבען מיר געגעבען קלאָרע און בעפרידיגענדע תשובות.

איידער איך האָב זיך געוואָלט געזעגנען און רעדען אַ פּאָר ווערטער צום האַרצען פון די יונגע בעוואוסטזיניגע שוועסטערלעך, וועלכע האָבען מיך ענטציקט מיט זייער גרויסער מאָס פון וויסען אין ידיעת היהדות, האָב איך זיך נאָך געווענדעט צו אַ שילערין פון אַ יאָהר 10 וועלכער'ס נאָמען, איז מיר אַיינגעקריצט געוואָרען אין זכרון פון פאַר אַ יאָהרען, ווען איך האָב דיזעלבע שולע בעזוכט צום ערשטען מאָל און געפרעגט דאָס זעלבע קינד: וואָס זי איז? האָט זי געענטפערט: „איך בין אַ יודישע טאָכטער". און אויף מיין שאלה: מיט וואָס זי איז אַ יודישע טאָכטער? האָט זי געזאָגט: „איך גלויב אין הייליגען בעשעפער". היינט האָב איך איהר געשטעלט דיזעלבע פראַגען און אויף דער צווייטער פראַגע האָט זי מיט התלהבות אויסגערופען: „איך בין גרייט זיך צו לאָזען טויטען פאַר'ן נאָמען פונ'ם הייליגען בעשעפער ברוך הוא". און אויף מיין שאלה: פאַר וואָס זי האָט מיר פאַר אַ יאָהרען אַנדערש געזאָגט? קריג איך פון איהר אַ ענטפער: (הערט און שטוינט) ס'ארא שאלה! נאָך אַ יאָהר צייט פון לערנען אונזער געשיכטע וועלכע איז געשריבען מיט בלוט און אונזער הייליגע תורה, איז שוין די עכסטע צייט צו וויסען, אַז כדי אַ יוד צו זיין מוז מען אויך מסירות נפש האָבען, אַזוי ווי אונזערע עלטערן האָבען עס געטהון אין אַלע צייטען.

דער דאָזיגער ענטפער פון אַ צעהן יעהריג מיידעלע האָט מיך גערירט ביז צו טרערען, און אַרויסגעהענדיג פון דער שולע האָב איך מיט התפעלות זיך אָנגערופען צו מיין בעגלייטער: „אָט אין די פיער וואנד פון דער דאָזיגער אינסטיטוציע ליגען בעהאַלטען די שליסעל פונ'ם עתוד פון אונזער געפּלאָגטער אומה. און אין די הענד פון די ברייטע אָרטאָדאָקסישע מאַסען ליגט דער גורל פון די שליסעל; אויב ס'ווערט ווי געהעריג געזאָרגט ווערען צו שמידען זיי און זיי צו צופּאַסען, דאַן זענען מיר געזיכערט מיט אונזער עתיד און מיר וועלען מיט דער הילף פונ'ם בעשעפער קענען לייכט עפנען די טויערן פון אַ אמת'ר יודישער גאולה און פון אַ עכט יודיש לעבען.

בן-רבקה.



# פעדאַגאָגישער וועג-ווייזער.

מיר פיהרען איין פון היינטיגען נומער אָן אַ נייע רובריק „פעדאַגאָגישער וועג-ווייזער" און בעטען די אַלע וואָס האָבען אָנצוווייזען אין פעדאַגאָגישער הינזיכט איבער אונזער שול-וועזען צוצושיקען — פאַרוואָס מיר וועלען זיי זיין דאַנקבאַר.

## איינ'גע פעדאַגאָגיש מעדיצינ'ישע בעמערקונגען.

כדי צו זיין אַ גוטער פעדאַגאָג, מוז מען קענען די נשמה פונ'ם קינד, און דערקענען זי קאָן מען אויף אַ פערשידענאַרטיגען אויפ'ן. קודם-כל דאַרף מען אויפוועקען די אייגענע קינדהייט-זכרונות. דורכשניטליך געדענקען זיך געננוג גוט די פאַקטען פון נאָכ'ן פינפטען לעבענס-יאָהר, און די שול-צייט לעבט געוועהנליך ביי יעדען אין זכרון. ווייטער דאַרף מען, נאַטירלעך, גוט קענען די פסיכאָלאָגיע בכלל, און פונ'ם קינד בפרט, און לסוף פּראַקטיש צו דערקענען די גייסטיגע ענטוויקלונג פונ'ם קינד אויפ'ן יסוד פון שול-מאַטעריאַל אָדער פון די ערפאַרונגען ביי די אייגענע קינדער. ערשט דעמאָלט קאָן דער לעהרער פולקאָם, ווי מ'זאָגט, אַריינדרינגען אין דער נשמה פונ'ם קינד. ד. ה. ביי דער געגעבענער מעגליכקייט נישט נאָר טראַכטען, ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען און ווי ער אַליין וואָלט געהאַנדעלט, נאָר ווי דאָס געגעבענע קינד האָט אין דעם פאַל געהאַנדעלט און ווי עס וואָלט עווענטועל געקאָנט אָדער געדאַרפט האַנדלען. לאָמיר נעמען למשל אַ זייער בעדייטענדיק פסיכאָלאָגיש-פעדאַגאָגיש געביט -- אויפמערקזאַמקייט, פערנעמען און געדענקען די לעקציעס. אַ טעות וואָלט געהאַט דער, וואָס וואָלט געזאָגט, אַז זיי זענען אָפּהענגיג אין דער ערשטער ריי פונ'ם קינד'ס פעהיגקייטען, ווייל זיי זענען אין דער זעלבער מאָס אָפּהענגיג פון תלמיד, ווי פון לעהרער. פרויד האָט געמאַכט אַ ריכטיגע בעמערקונג, אַז מיר געדענקען גוט נישט נאָר דעמאָלט, ווען מיר בעמערקען און אָבסערווירען גוט (צוו. מיט עטליכע חושים אויף אַ מאָהל, למשל ביים אַנשויאונגס-לימוד), נאָר ווען מיר נעהמען אויף דעם איינדרוק ביי אַ גוטער, צוו. גלייכגילטיגער שטימונג, אָבער קיינמאָל נישט ביי אַ אונאַנגענעמען איינדרוק, אָדער אַפילו אַ אונאַנגענעמען, אָבער דורכאויס פון אַ אַנדער געביט. דאָס טייטשט אונז אויס אַ סך פאַקטען פון שלעכטער אויפ-

מערקזאַמקייט און שלעכטען זכרון ביי קינדער אין שול. למשל קינדער, וואָס האָבען מורא פאַר׳ן לעהרער, געדענקען זיינע לעקציעס בעדייטענד ערגער, ווי קינדער, וואָס האָבען ליב דעם לעהרער. קינדער געדענקען אַבסאָלוט ניִשט דאָס, וואָס דער לעהרער זאָגט זיי נאָכ׳ן קלונג פאַר דער פויזע, ווייל זיי געפינען זיך שוין דעמאָלט אונטער׳ן שטאַרקען איינדרוק פון אָפּרוּה. אַ סך פעדאַגאָגען מאַכ׳ן אויפמערקזאַם, אַז די קינדער פערגעסען די למודים ערגער מאָנטאָג (די בענקשאַפט נאָכ׳ן זונטאָג), ווי אין סוף וואָך (די פריידיקע ערוואַרטונג אויף יום טוב). אַ גרויסע שטערונג פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, פערנעמען און זכרון איז די אַזוי גערופענע צעשטרייטקייט ביי די קינדער, וועלכע קען האָבען אייניגע סיבות, און די אייגענטליכע סיבה זיך צו דערוויסען, איז טאַקע די אויפגאַבע פון לעהרער, עס קאָן איהם אויך ביי דעם אָפט קומען צו-הילף דער דאָקטאָר. די צעשטרייטקייט איז זעלטען אַ השפעה פון אַ ריין פסיכישער סיבה (פסיכאָפאַטען), דערפאַר האָט זי פיעל אָפטער אַ פיזישען גרונד, און נעמליך: ס׳רוב אַ חסרון פון געהער, אַ פערגרעסערונג פון די מאַנדלען, אַ שטאַרקע בלוט-אָריימקייט, אָנאַניזם, ווייטער אונאַנגענעמע עפעקטען, דאָס נישט קענען די ווייטערדיגע לעקציעס, מורא, שלעכט היים-בעציאונגען, ערמידונג, הונגער אָדער פעלערהאַפטע שול-איינאָרדנונג (אַ טומעל), און לסוף דאָס פעלען פון אינטערעס צום געגעבענעם געגענשטאַנד און דאָס לענקען די אויפמערקזאַמקייט אויף עפיס אַנדערש (שטיפעריי פון די חברים). מיט גרויס אינטערעס פאָלג איך שטענדיג נאָך די שול-זעלבסטפערוואַלטונג און ווי די תלמידים ענטשיידען צווישען זיך פערשידענע ענינים, און איך זעה דעמאָלט אָפטמאָהל, ווי מיר עלטערע האַנדלען לגמרי שלעכט לגבי די קינדער און גיכער קאָנען מיר נישט אַריינדרינגען אין זייער פסיכיק און וואַרפען זיי דוקא אָן אונזערע נסיונות, וועלכע פאַסען זיך אָפט צו זיי אַזוי ווי דעם פאָטערס אַנצוג אויפ׳ן קליינעם זוהן! נאַטירליך האָט מיט דעם אַ ענגען צוזאַמענהאַנג די פראַגע וועגען בעשטראָפען קינדער פאַר עולות און דער אָפּשאַצונג פון אַ שטראָף-פערדינטער טאַט בכלל.

אין דער אָפּשאַצונג ווערען אָפט געמאַכט פעלערן, ווייל אָדער מ׳אַנערקענט באַלד די געגעבענע פערשולדיגונג פאַר אַ „הימעל-שרייענדער" עולה, און דאָס קינד פאַר אַ קינפטיגען באַנדיט און אויסוואורף, אָדער, להיפוך, מ׳באַגאַטעליזירט די פערשולדיגונג און מ׳קוקט אויף איר דורך די פינגער, אָננעמענדיק זי פאַר אַ אונשולדיגער קינדישער שטיפעריי.

די פסיכיק פונ׳ם קינד איז אינגאַנצען אַ אַנדערע: דאָס קינד איז נישט קיין קליינער מענש, נאָר אַ קינד, און טיילמאָל פאָדערן פון איהם מעהר, ווי פון אַ דערוואַקסענעם, אַ אייגענשאַפט פון דער נאַטור פון קינד איז, למשל



דאָס, אַז עס פעהלט איהם אָפט אין תחילת אַלטרואיזם, עס פערמאָגט נישט אַ סך עטישע געפילען און בעגריפען, ער קען נייט, למשל, פערשטיין, וואָס איז דאָס אַ זעלכעס טויט, אייביגער פערלוסט, עהרע א. ד. גל. דאָס זענען נישט קיין בעגריפען, וואָס זענען אין אונז אַ פריאָרי, נאָר זיי זענען אַ פועל-יוצא פון קולטור, מען קען זיי קיינעם נישט „אַריינהאַקען אין קאָפּ אַריין", מ׳דאַרף זיי צוערשט פאַמעלעך איינפלאַנצען און דאָס צוגעפאַסט צו דער גייסטיגער ענטוויקלונג פונ׳ם קינד און אין דער מאָס פון זיין אינטעליגענץ.

מיר פאָדערן אָפט פון די קינדער זאַכען פשוט אוממעגליכע, למשל זיי זאָלען זיך גוט אויפפירען, ווען אין דער היים האָבען זיי שטענדיג אַ ביישפיל פון ברוטאַלקייט און אָרדינערע זשעסטען, מיר פאָדערן, אַז זיי זאָלען זיין ריין, און מיר אַליין גיבען אויף דער ריינקייט נישט אַכטונג אָדער עס טוען עס נישט די עלטערן, ווייל עס האָט זיי אין דעם קיינער נישט ערצויגען, מיר פאָדערן פון די קינדער רו, און אַליין זענען מיר דענערווירט א.ד.גל.

ס׳איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז דער בערוף פון אַ לעהרער איז איינער פון די שווערסטע און אַממיינסטען פעראַנטוואָרטליכע.

דער לעהרער איז פאַר׳ן קינד דער סימבאָל פון אַלעם גוטען, בעוואוסטזיניק און טיילמאָל אומבעוואוסטזיניק נעמט עס פון איהם אַראָפּ אַ ביישפיל, עס נעהמט אַריין אין זיך אַלץ פון איהם און פאָרמירט זיך לויט דעם, ווייל דער לעהרער איז כסדר אונטער דער אויפמערקזאַמער אָבסערוואַציע פון זיינע תלמידים, וועלכע פאָלגען נאָך אַלע זיינע גוטע און שלעכטע זייטען, אַלע זיינע מעלות און חסרונות, דאָס אַלץ, וואָס ס׳איז אין איהם ערליך און גערעכט און וואָס ס׳איז פאַלש, געמאַכט און קינסטליך, און דערפאַר פילען און פערשטיין אָפט קינדער בעסער איין וואָרט, וואָס איז אַרויסגערעדט פון האַרץ, ווי כסדר׳דיקע טאָג-טעגליכע פעראָרדנונגען, וואָס ווערען אַרויסגעזאָגט שאַבלאָניש, אָפט אָהן איבערצייגונג אָדער פעראַנטיש.

ד״ר א. ק—ק.

---

.II

## ווי פערהיטען און אָפּגעוויינען די קינדער פון געגענזייטיג פער׳מאַסר׳ן זיך פאַר׳ן לעהרער?

יעדער לעהרער אָדער לעהרערין דאַרפען זיך אָפּגעבען אַ קלאָרען רעכנונג דערפון אין וואָס עס בעשטייט די געגענזייטיגע מסירות פון די קינדער פאַר׳ן לעהרער? ווען אַלזאָ, איין קינד בעשולדיקט דאָס צווייטע אין אַ ערנסטער זאַך, למשל גנבה, אַפילו אין אַ קליינער גנבה (אַ קליינע גנבה איז

ביי קינדער אַ ערנסטע זאַך, ווייל עס וועט זיכער ברענגען אין שפּעטערען עלטער צו גרעסערע פערברעכענס), דעמאָלט טאָר דער לעהרער נישט איבער אַ זעלכע ענינים אַריבערגיין צו דער טאָג-אָרדנונג. ווען אַ תלמיד האָט בעשולדיקט זיין חבר עפענטליך, פאַר'ן קלאַס, דעמאָלט דאַרף דער לעהרער אויפמערקזאַם מאַכען דעם בעשולדיגער, אַז אין דער צוקונפט דאַרף ער איהם דערציילען וועגען פערברעכענס נישט פאַר אַלע קינדער, נאָר ווען קיינער הערט נישט. דערנאָך בעפעלט דער לעהרער צוצורופען דעם בעשולדיקטען און אין דער אַנוועזענהייט פון בעשולדיגער הערט ער אויס דעם פּראָצעס. נויטיגע עדות רעקאָמענדירט אויך דער לעהרער צוצורופען. ס'איז קלאָר, אַז דער לעהרער, אַלס דער בעסטער קענער פון די קינדער, וואָס זענען איהם אָנפערטרויט געוואָרען צום ערציהען, וועט וויסען, וואָס פאַר אַ טיפּ שילער איז דער בעשולדיגטער: צי אַ געפילפולער, אַ שעמיוודיגער אָדער אַ ליידענשאַפטליכער, און אין הסכם מיט די ידיעות וועט ער אויספאָרשען דעם געגעבענעם שילער מיט אַ זעהר גרויסער פּעדאַגאָגישער געשיקטקייט אויסער'ן קלאַס, אָדער ענערגיש אין קלאַס. דער רעזולטאַט פון דער דאָזיגער אויספאָרשונג דאַרף זיין אַ האַרציגע רעדע פון לעהרער, און קיינמאָל נישט אַ שטעקען, ווייל דאָס דערהרג'עט די קינדער דאָס בושה-געפיהל און דעם זעלבסטשטאָלץ. דערפאַר אויף קליינינקייטען דאַרף דער לעהרער נישט לייגען קיין אַכט, ער דאַרף זיך מאַכען, אַז ער הערט נישט די בעשולדיקונג. און אַפילו, ווידער אין הסכם צום טיפּ פונ'ם אָנקלאָגער, אָנבייזערן זיך אויף איהם מיט שאַרפע ווערטער, אָדער מילד, מיט וואַרימע ווערטער וועט ער בעזייטיקען ענליכע אַרויסטרעטונגען.

י. י.

---

III.

## אַנקעטע צווישען קינדער.

בכדי צו פערלייכטערן די לעהרער, ערציהער און מענשען, וועלכע פערנעמען זיך מיט וויסענשאַפטליכע אַרבייטען, צו בעקענען זיך מיט פערשידענע געביטען פון דער קינדערשער נשמה און קינדערשער פּסיכיק, וועלען מיר פון צייט צו צייט אַדורכפיהרען אַנקעטעס צווישען קינדער וועגען פראַגען, וועלכע האָבען אַ גרויסען ערציערישען און פּסיכאָלאָגישען ווערט. מיר ברענגען דאָ פינף פראַגען און ווענדען זיך צו אַלע לעהרער און ערציהער, וועלכע פערשטיין די וויכטיגקייט פון אַזאַ אַנקעטע, מיט אַ הייסער בקשה אַדורכצופיהרען די דאָזיגע אַנקעטע ביי זיך אין דער שול אָדער קלאַס און דערנאָך צושיקען



צו אונז אין רעדאַקציע, וואו די תשובות וועלען ווערען בעאַרבייט דורך פאַכמענער און רעזולטאַטען וועלען ווערען דערנאָך פערעפענטליכט אין „בית יעקב"-זשורנאַל.

די טעכניק ביים אַדורכפיהרען די דאָזיגע אַנקעטע איז פאָלגענדע: די לעהרערין שרייבט אויס אויף דעם טאָוועל די דערמאָנטע דריי פראַגען. יעדער שילער אָדער שילערין שרייבט אויס אויף אַ גרע[illegible]ר שטיקעל פּאַפּיר: די קלאַס, עלטער און נאָמען, קיין פאַמיליע-נאָמען איז נישט נויטיג. אַלע תשובות דאַרף דער לעהרער אָדער לעהרערין צונויפנעהמען, מאַכען איין פּעקעל און איבערשיקען אין רעדאַקציע לויט'ן אַדרעס: לאָדז, אַלעקסאַנדראָווסקאַ 28. אויף יעדען פּאַקעט מוז זיין דער נאָמען און אַדרעס פון דער לעהרערין

די פראַגען זענען פאָלגענדע:

1. וואָס וויל דאָס קינד זיין, ווען עס וועט גרויס ווערען?
2 וועמען ליעבט דאָס קינד מעהר -- דעם טאַטען אָדער די מאַמען?
3. וועלכען לערן-געגענשטאַנד בעפאָרצוגט דאָס קינד (שפּראַכען, געשיכטע, א. ד. גל.).
4. וואָס האָט דאָס קינד אַם בעסטען ליעב צו לייענען?
5. אין וועלכער שפּראַך האָט דאָס קינד אַם בעסטען ליעב צו לייענען?

## פונ'ם „בית יעקב" שול-וועזען אין פוילען.

-- דער אַלגעמיינער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט אויף אַ מורא'דיגען אויפ'ן אַרומגענומען דאָס גאַנצע יודישע לעבען אויף דער פּראָווינץ, האָט אויך זעהר אַ שרעקליכע ווירקונג אויף די „בית יעקב"-שולען אין פיעל שטעדט ראַנגלען זיך די שולען מיט זייערע לעצטע כוחות צו קענען בלייבען עגזיסטירען.

כ"ד סיון ה. י. איז אין שעדלעץ פאָרגעקומען אַ ראַיאָן-קאָנפערענץ פון „בית יעקב" פערוואַלטונגען אויף וועלכע ס'זענען אָנגענומען געוואָרען זעהר וויכטיגע בעשלוסען, לטובות דער וויטערדיגער ענטוויקלונג פונ'ם שול וועזען בכלל און אין פּאָדלאַשיער קאַנט בפרט. (אויספיהרליך — אין „קינדער גאָרטען" פון חודש תמוז ה. י.).

— אין אַ רייהע שטעדט האָבען די שטאָדט ראַטען און די יודישע קהלות בעשטימט סובסידיעס פאַר די „בית יעקב" שולען.

— זייט אייניגע וואָכען וויילט אין קראָקאָ פרל. ראָזענבוים פראַנקפורט און אונטעררריכטעט אינ'ם סעמינאַר.

— פרל. שנירער האָט בעזוכט די „בית יעקב"-שולע אין נאָווי-טאַרג, וועלכע ווערט געלייטעט דורך פרל. וורעצלאַווסקאַ און פעסטגעשטעלט אַ גינסטיגע ענטוויקלונג פון דער שולע.

— רעדאַקטאָר פרידענזאָהן איז איינגעלאַדען געוואָרען אין אַ רייהע שטעדט אין פוילען און גאַליציען צו האַלטען עפענטליכע פּראָפּעגאַנדע-רעדעס לטובות דעם אָרטאָדאָקסישען חנוך-הבנות.

## פון דער „בנות אגודת ישראל" בעוועגונג אין פוילען.

— פיהרערין-אויסבילדונג: עס ווערען שוין געמאכט פיבער-האַפטע הכנות צום פיהרערין-קורס, לויט'ן בעשלוס פון דער עקזעק. זיצונג וואָס ווערט בקרוב אי"ה פאָרקומען אין לאָדז. די אָרטאָדאָקסישע פריילינס, וואָס ווילען דעם קורס דורכמאַכען דאַרפען זיך ווענדען שריפטליך זאָפאָרט אויף די אַדרעס פון דער צענטראַלע.

פּראָפּעגאַנדע-בעזוכען: במשך די חדשים אייר און סיון זענען דורכגעפיהרט געוואָרען דורך דער צענטראַלע בעזוכען אין פאָלגענדע שטעדט: לאָדז, פאַביאַניץ, לאַסק, שעראַדז, בלאַשקי — פרל. שרה מאַנדראַ; אָפּאָטשנאָ און כיעטריקאָוו — פרל. קאָלאָווסקאַ; בעלכאַטאָוו — פרל. יערוזאָלעם אין דער נאַהנסטער צייט זאָלען פאָרקומען אַ גאַנצע רייהע בעזוכען אין פערשידענע שטעדט.

## פון דער „בנות"-בעוועגונג אין אויסלאַנד.

ניו-יאָרק. (א. י. פ. ב.) די „בנות אַגודת ישראל" אין ניו-יאָרק גיט אַרויס אַ מאָנאַט-בלאַט אין דער ענגלישער שפּראַך. דער שבועות-נומער פון דער דאָזיגער מאָנאַט-שריפט האָט אַ רייכען אינהאַלט.

טשיקאַגאָ (א. י. פ. ב.) פ-וי דר. צהרמבן האָט אין טשיקאַגאָ גע-גרינדעט אַ אָרטאָדאָקסישע פרויען- און מעדכען- גרופּע.

פּרעשבורג. (יוד. פר.) די ערשט נישט לאַנג געגרינדעטע אָרטאָד. פרויען-אָרגאַניזאַציע אין פּרעשבורג ענטוויקעלט זיך זעהר גוט. אַלע שבת קימען פאַר פאָרטראַגען איבער דער פרשת השביע, גדנים, א. אַז. וו.

פראַנקפורט (איזראַעליט) די שעורים ביי דער אַגודה-מעדכען-גרופּע אין פראַנקפורט געהן נאָרמאַל. די שעורים נעמען אַרום: תנ"ך, תפלה, דינים, צאינה וראינה א. אַז. וו. אונטעררי‍כטען טהון די ה"ה: לעהרער הירשבערג, גוט דר, וועגער, פראַנקענטהאַל און מערצבאַך און די פרויל.: מאַכטי, פרוי הילדע, פרל. מאַרקוס א. א

## פון קרן התורה.

— אויף דער צענטראַל ראַט-זיצונג פון „אַגודת ישראל" אין בערלין האָט דער דירעקטאָר פון „קרן התורה" דר. ש. דייטשלענדער דערמאָנט אין זיין בעריכט די גרויסע מאָראַלישע און פעדאַגאָגישע בעדייטונג פון „קרן התורה" פאַר „בית יעקב" און אויך אונטערגעשטראָכען די בעדייטונג פון דער „בנות-בעוועגונג" און פון דער צענטראַלע אין לאָדז.





zastąpić pobudek jego pierwotnego utworzenia, które z natury rzeczy muszą być zupełnie pozytywnemi. —

Cały ten potężny gmach, którego nazywamy „świat", przy starannej obserwacji, zdradza w sposób najwydatniejszy intencję obsługi organizmów, których „król" niewątpliwie jest człowiek. Jestto pewnik zatwierdzony przez tyle doświadczenia przyrodnicze, że wszelkie sofizmy nie są w stanie przeciwstawić się jawnej tej prawdzie. —

Przeznaczenie więc dla istnienia człowieka takich celów jak humanizmu i nauki, polegającej na przesłankach przyrodniczych, byłoby nons nosem, tak samo jak dopatrzenie się w budowie wspaniałego pałacu celu pomieszczenia w nim jego dozorcy, byłoby to coś w rodzaju „nosa dla tabakierki", gdyż z ewentualnością nieistnieia świata, staje się i istnienie człowieka zupełnie zbyteczne.

Z tego założenia wychodząc, musimy dojść do przekonania, iż istnieje dla człowieka jakiś cel absolutnie pozytywny, cel niezależny od istniania przyrody, cel który jest zatem i cel całego wszechświata.

Najwyższy i największy ten cel ludzkości, bezzawodnie nazywa się — „RELIGJA" gdyż jedynie zapoznanie Boskości i Wszechmogącej Jej Siły, może być ostatecznym celem niezależnym dla istnienia człowieka i świata. —

Niezaprzeczalną, wbrew usiłowaniom wolnomyślicielskim wszelkiego rodzaju, jest tedy zasada, iż dla człowieka, chcącego spełnić właściwe jego zadanie i pragnącego treściowego i celowego żywota, niema innej drogi, prócz uznania Religji jako wyraz Najświętszej Woli Boskiej i oddania się całą istotą w jej objęcie!

## וואָס שרייבען די „בנות אגודת ישראל" פון דער פראָווינץ?

סלופצע: אַ דאַנק דער מיטטיילונג פון לאָדז איבער דער „בנות אגודת ישראל" קאָנפערענץ האָט זיך אויך ביי אונז ערוועקט דער געדאַנק צו אָרגאַניזירען אונטער דער אָרטאָדאָקסישער פאָהן. באַלד נאָך דער קאָנפערענץ איז ביי אונז שוין פאָרגעקומען די גרינדונגס-פערזאַמלונג אויף וועלכע ס'האָבען זיך פערשריבען 40 חברות. די טעטיגקייט פון אונזערע אָרגאַניזאַציעס בעשטעהט: קורסען אויף למודי קודש, אַ ביבליאָטעק, יעדען שבת ווערט געלערנט פרקי־אבות א. א. וו. ל"ג בעומר האָבען מיר איינגעאָרדענט אַ אויספלוג, וועלכער האָט פיעל געווירקט צו שטאַרקען דעם שוועסטערליכען בונד. ביים אויספלוג איז אויך פאָרגעלייענט געוואָרען דער בעגריסונגס-בריף פון דער צענטראַלע, וועלכער האָט געמאַכט אַ טיפען רושם.

פאָרזיצ.: פ. ג. וויינשטיין. סעקר.: פ. רייכמאַן.

פרזעדבאָרז: ל"ג בעומר העבען מיר אין אייגענעם לאָקאַל איינגעאָרדענט אַ פאָרטראַג פון פרל. הדס פרידריך, וועלכער האָט געהאַט ערפאָלג. אין די שבועות-טעג האָט מען געלערנט רות, קבלת התורה פון רבי שמשון רפאל הירש ז"ל, אויך האָט פרל. שפרה ליכטענשטיין פאָרגעלייענט דעם העקטאָגראַפירטען פאָרטראַג, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרען פון דער צענטראַלע. די פערוואַלטונג פון אונזער אָרטס-גרופע בעשטעהט פון: פרוי הדס בלאַסס — פאָרזיצערין, פרל. מרים פאָלאַק און פרל. ראָזאַ וועלטפריד, פרל. שפרה ליכטענשטיין — סעקרעטאַרקע, פרל. חי' העלמאַן — וויצע-סעקר., פרל. הדס עלכאַנאָוויטש — קאַסירערין און די פרויליינס: טויבא באָרק, אַבראַמזאָהן, לאַנדאָ און צוקער.

פלונסק: אַ דאַנק די רעפעראַטען פון פרל. איידליץ — מלאַווע איז ביי אונז געגרינדעט געוואָרען אַ אָרטס-גרופע „בנות אגודת ישראל" וועלכע פיהרט אַ געהעריגע טעטיגקייט. די פערוואַלטונג בעשטעהט פון: פאָרזיצ. פרוי פאָגעל, וויצע — פרוי מאַרקוס, סעקרעטאַרין — פרל. קליין, קאַסירערין — פר"י לעווין, פרוי מאַצנע, פרל. קליין, פרל. פרזיגאָדע. אונזער אָרטס-גרופע ענטוויקעלט זיך זעהר שעהן.

פראַשניץ: ביי אונז איז נאָך אום ווינטער, אַ דאַנק דעם ווילען פון פרל. שיקערקאַ געגרינדעט געוואָרען אַ אָרטס-גרופע פון „בנות אגודת ישראל". די טעטיגקייט פיהרט זיך רעגולער, לויט די אינסטרוקציעס פון דער צענטראַלע אין לאָדז. ל"ג בעומר האָבען מיר געמאַכט אַ אויספלוג קיין מאַקאָוו און דאָרט צוזאַמען מיט אונזערע ליבע אידען-שוועסטער גע-



Rabin D. LASKI
Łódź-Radogoszcz.

## Cel ludzkiego życia

Od dawień dawna zajmuje umysł ludzki zagadnienie zadania człowieka na ziemi. Zdrowy bowiem rozsądek każdego logicznie myślącego człowieka domaga się wyjaśnienia jego celowości i uzasadnienia jego aprioryczncj racji bytu. Wszak musi być jakiś cel w istnieniu takiego świetnie skonstruowanego i wspaniałym aparatem myślenia obdarzonego „dwunożnego ssaka" — człowieka — Najgenialsi jednak myśliciele od Arystotelesa do Kanta włącznie, nie potrafili sprostować tego w głębi duszy ludzkiej grzebającego się pytania. Jedni chcieli narzucać człowiekowi cel naukowy czyli zapoznania przyrody, której całokształt stanowi najwyżej imponujący efekt świata. Drudzy zaś t. zw. moraliści, przeznaczyli dla człowieka cel dobroczynności i sielankowego współżycia wszystkich plemion i warstw rodu ludzkiego. —

Alež czy wytrzymają te człowiekowi przez filozofów nadane cele, krytykę zdrowej logiki? Czy może mózg człowieka niewciągniętego w wir abstrakcyjnych sofizmów przyjąć taką zasadę swego istnienia? Oto pytanie na które z całą stanowczością możemy dać ujemną odpowiedź. Albowiem pomimo wrodzonego w człowieka uczucia szacunku i zachwytu dla humanizmu i wiedzy i pomimo jego naturalnego popędu ku ich osiągnięciu, nie może jednak uważać je jako ostateczny cel jego istnienia. — Wiedza i humanizm są wprawdzie kardynalnemi zasadami życiowemi rodu ludzkiego, są zaiście najniezbędniejszymi warunkami jego istnienia, ale w każdym bądź razie nie mogą one uchodzić za cel jego powstania, nie mogą

פייערט דעם טאָג. אַלע זענען מיר פערפאָהרען צו דער פאָרזיצערין פון דעו' אָרטס-גרופּע אין מאַקאָוו פרל. חוה אָרליק ווי מ'האָט אונז פריינדליך אויפגענומען. אין וואַלד איז פאָרגעקומען אַ פאָרטראַג פון פרל. אָרליק איבער דער בעדייטונג פון ל"ג בעומר. אין אָוועגד איז אין דער וואוינונג פון ה. אָרליק פאָרגעקומען אַ פייערליכער באַנקעט ביי וועלכע ס'האָבען גע-האַלטען גייסטרייכע רעדעס פרל. אָרליק — מאַקאָוו, פרל. מלאַווסקא און פרל. פייערשטיין — פראַשינץ. דער אויספלוג האָט בכלל געהאַט זעהר אַ גוטע ווירקונג און אונז נאָכמעהר געשטאַרקט פאַר אונזערע הייליגע אידעאַלען. אונזער פערוואַלטונג בעשטעהט פון: פרל. גאָלדאָ פייערשטיין — פאָרזיצערין, פיינא מלאַווסקאַ — וויצע און סעקרעטאַרין, רחל וויינבערג — קאַסירערין, רבקה כץ, דאבא מלאַווסקא, ליפּטשע פּרענקעל און בינע פייערשטיין.

ט ש י ז ע ו: חול-מועד-פּסח איז ביי אונז פאָרגעקומען די גרינדונגס-פערזאַמלונג פון „בנות אגודת ישראל" אונטער'ן פאָרזיץ פון פרל. טויבע וועל-כע האָט גלייכצייטיג געהאַלטען זעהר אַ בעגייסטערטע רעדע און אויך אָפּגע-געבען אַ בעריכט פון דער פאָרגעקומענע קאָנפערענץ. דערנאָך האָט פרוי זשולטאַק פאָרגעלייענט „ווער האָט מיך צוריקגעבּדענגט צום יודענטהום" („בית יעקב" זשורנאַל) און ס'זענען אויך דעקלאַמירט געוואָרען פערשידענע שעהנע זאַכען. אום שבועות איז די פייערונג צוגעגאַנגען לויט פאָלגענדען סדר: אַ רעפעראַט פון פרל. טויבע, פאָרשטעלונג פון די „בית יעקב" קינדער, דעק-לאַמאַציעס, געשפּרעכען א. אַ. וו. די פערוואַלטונג בעשטעהט פון: פרל. מ. טויבע — פאָרזיצענדערין, פרל. פּ. זאַק — סעקרעטאַרין, פרוי ד. בער — קאַסירערין, ח. שולעוויטש, זשולטאַק, קאָטלאַרעק.

ק י נ צ ק: מיט אַ קורצע צייט איז אין די וואוינונג פון היגען בעוואוס-טען עסקן און פרנס ר' משה מרדכי מינץ פאָרגעקומען א פרויען-פערזאַמלונג מיט'ן צוועק צו גרינדען אַ „בנות אַגודת ישראל". באַלד דערנאָך איז פאָרגע-קומען די גרינדונגס-פערזאַמלונג אויף וועלכע ס'איז געוועהלט געוואָרען אַ צייטווייליגע פערוואַלטונג פון: פּ. יאָסקאָוויטש — פאָרזיצענדערין, קאַסירערין פרל. רחל מינץ, פרל. ב. אַלבערט — סעקרעטאַרין.


ארויסגעבער: מ. ראַבינאָוויטש.

Redaktor i Wydawca: L. G. Frydenzon.
Adres: „Bajs Jakow", Łódź, Aleksandrowska 28.

Druki I. Grinberg, Wschodnia 45. Tel. 31-90.